STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08154

GEZAMELTE LIDER

Reuben Ludwig

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ראובן לודוויג צו צוואַנציק יאָר

ראובן לודוויג

געזאמעלטע לידער

צוזאמענגעשטעלט פון
ריווא לודוויג און א. לעיעלעס

אַרויסגעגעבן פון קאָלעגן און פריינט מיט
דער הילף פון י. ל. פרץ שרייבער־פאַראיין

1927 ניו יאָרק

Copyrighted by RIVA LUDWIG
New York, 1927

Grayzell Press, 129 Lafayette St.

אינהאַלט

ביאָגראַפישע נאָטיץ VII-XI
אויפגעפלאַצטע צייטיקייט 17
ווייזע פרייד 25
פונם ווינקל 31
אַ פרעמדע האַנט 32
מיר 33
דער ניט געקומענער 35
צו דעם ליכטיקן באַגלייטער 38
דער סאַד פון שווארצן יאַם 39
צו די אַנזאָגערס און צוזאָגערס 41
זאָלן זיי 43
28טער יאנואר: מיין ר׳ס געבורטסטאָג 45
לויב... לויב... 47
יאַנואר 48
זינג פרעמדער 51
Symposium 53
דער אַלטער ליוואַי 55
מאָרים רעיל: דער גאָלד־זוכער 58
לאָנג קוואָנג 59
דעיזי מעקלעלאַן 61
פרעמדע היים 63
ווער האָט צעשאָסן דעם קרעציקן ניגער 64
סיינט אַנטאָניע — דער קוילמאַן 66
אינדיאַנער מאָטיוון 68

דער קרייץ 76
קוואדאלופּא 77
טריט אויף זאַמדיגע וועגן 79
מעגמאס קאָלאָראַדאָ 83
אריזאָנא 84
מעקסיקאנער מאַטיוון 85
ראָדריגעז 86
מעקסיקאנער ביידלאַך ביים קאנאל 87
פייערן 89
איך, דזשאזיי, און פאנג לינג 90
צו אַ נעגער 91
ביי אַ וועט־קאַמף 92
קאַרניוואַל נאַכט 96
זאָל זיין 97
אין דעם לאנד פון זאַמד 98
די סאנדלא בערג 99
אַזוי מוז זיין 100
אַ זאַמד־שטורם 101
צו אַ באַרג מיט שניי 102
פראגמענט 103
מיינע ליכטיקע טעג 104
אין מאַנראָוויע טאָל 105
זילבערנע שפּיזן 106
Sierra Madre 107
דאָס ליד פון מיינע מידבאָר טעג 110
סאַן פראנציסקאָ — אין רעגן 113
שטעט אין מידבאָר 116
פרעלוד 118
דער לעצטער 121
מיר וויסן 123
אַ פאַטערס געזאַנג 124
אין פאַטערס הויז 126

ביזט געשטאָרבן אין דער פרעמד 128
אויף דעם זאַמד פון אריזאָנא 129
זיי זאָגן 130
גאָטס זון 132
שײַלאָק 134
איך האָב דיך באַזיגט 135
צו ריטאַ'ן — אַ גאַסן מיידל 136
אין וואַלד פון מיין לעבן 137
זעלבסטפאַרניכטונג 138
מיינע זינד 139
דריי לידער 140
צו אַ פרוי 143
פרייד 144
זויערע וויינטרויבן 145
גוט איז דיר... 146
דו 147
סילועטן 148
אַ זינדיקע 150
די טויטע 151
צו אַ קריסטלאַכער דאַמע פאַר איר
פריינדליכקייט צו מיר 152
טויט 153
ווער רייסט 154
Veni Vidi 155
סיעסטאַ 156
נאַכט און רעגן 157
דיינע אויגן 159
אַדאָלינאַ 160
אין אַ דאָקטאָרס וואַרט־צימער 161
איך האָב געטראַכט 162
צוויי לידער 163
אין טעאַטער 165

אין ראַג 166
אין סאַבוויי 167
ניו יאָרקער קעץ 168
מײַן זוניקער טרויער 169
אָקטאָבער 170
אויטאָ־פּאָרטרעט 171
אָ, איך ווייס 175
אומשטערבליכקייט 176
מײַן זעל... 177
שטיינער... 178
מײַן שטעטל 179
דער בעכער 188
אין אַ וויסטע 189
אַ גאַנצע נאַכט 190
שטילערהייט 191
איז קיל דער אָוונט 192
מיט יעדן האָב איך זיך צוקריגט... 193
אַ כאַלעם 194
סאָנעט 195
איינזאַמקייט 196
קלאַפּן די סעקונדן 197
מיט פרייד געארמט 198
זיצן זיי... 199
ווי אַ בלינדער... 200
גוטע נאַכט 201
מײַנע אויגן צוגעמאַכט 202
אין די טונקעלע שטונדן 203
וואוהין 204
מײַן טאָג 205
אין שטויב פון שטאָט 207
אין האַמאַק 208
דאָס טויטן בעט 209

וואָס וועט ברענגען... 210
ריני די שוואַרץ־געפלעקטע קאַץ 211
זיבן ליכטלאַך ברענען... 212
סאָנעט 213
זון און פוילקייט 214
צו אַ פרעמד ווייב 215
ביי אַ טויער 216
צי טרעפט זיך דיר אַמאָל 217
מיך האָבן מענשען־זין... 218
אַ זומער פייער 219
אין דער נאַכט 220
אויף דער עלטער 221
טאָג און נאַכט 222
אין וואָגל־לאַנד 224
אין בענקעניש 226
וועגן 228
ווער ?... 229
ביי די פענסטער 230
געגעבן האָט... 231
זונטיק־רו 232
בין איך איצט מיט אייך 234
אייערע טעכטער 235
דעם שאָכנס הונט 236
נאַכט 237
העלע טעג... 238
ביים האָדסאָן 239
פרילינג... 240
אַ שלאַנג איז שלעכטער 241
אַ פרייער יאַם 242
קומען וועט די נאַכט 243
זאָל מיין נאָמען 244
דער טויט פון דזשאַני לאַרענס 253

אין פלאָנטער 261
דער לעצטער 272
285 Preface
אפּאָלאָגיע 289
סקעפּטיציזם 291

ראובן לודוויג

(ביאָגראַפּישע נאָטיץ)

ראובן לודוויג איז געבוירן געוואָרן דעם 17טן מערץ 1895 אין דעם שטעטל ליפּאָוועץ, קיעווער גובערניע, אוקראַינע, ביי פרומע עלטערן. צו פיר יאָר הויבט ער אָן צו גיין אין כיידער. צו פינף לערנט ער שוין כומעש, און צו זעקס גיט מען אים אָפּ צו אַ געמאָרע־מעלאַמעד.

זיין פאָטער האָט געהאַלטן אַ שענק. אָבער קיין צופיל פּאַר־נאָסע איז ניט געווען, און אין 1907 קלייבן זיך זיינע עלטערן איבער קיין קיעוו.

דאָ הויבט לודוויג אָן צו באַזוכן אַ מאָדערנע שול, וואו מען לערנט רוסיש און העברייאיש, און ער גרייט זיך אָנצוקומען אין אַ מיטל־שול. אָבער ער האָט זיין שטודיום אין דער מיטל־שול ניט געקאָנט פאַרענדיקן. דער פאַמיליע גייט שלעכט אין קיעוו אויך, און דער פאָטער פאָרט אָפּ קיין אַמעריקע. די גאַנצע מיש־פּאָכע פאָלגט אים אינגיכן נאָך.

דעם 10טן מערץ 1910 קומט לודוויג אָן מיט דער מאַמען און צוויי שוועסטער קיין ניו־יאָרק.

דאָ טרעט ער אריין אין דער עלעמענטאַרער רעגירונג־שול (פּאַבליק סקול) און גיט זיך אַ נעם מיט דעם אימפּעט, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אים אויך אין די שפּעטערע רייפערע יאָרן, דורכצוגיין דעם גאַנצן קורס, צוזאַמען — פאַרשטייט זיך — מיט ענגליש אין איין יאָר צייט.

לודוויג אַרבעט געשמאַק און דער ציל איז באַלד דערגרייכט. אָבער נאָענט צו דער גראַדואירונג ברעכט דאָס אינגל צוזאַמען.

ער ווערט קראַנק. ער מוז אויפגעבן דאָס לערנען. ער מוז אַוועק אין אַ סאַניטאַריום פאַר לונגען־אַנגעגריפענע. די דאָזיקע אַטאַקע לאָזט איבער אויפן יונגן לודוויג אַ מוירעדיקן איינדרוק. ווי אַ שאָטן פאַלט זי אויף זיין לעבן, ווי אַ שאָטן, וואָס וויל זיך מער פון אים ניט אָפּטאָן.

די עטלאַכע כאַדאָשים אין דעם סאַניטאַריום גיבן לודוויגן דעם ערשטן אָנשטויס צום שרייבן.

ווען ער קומט נאָך זעקס מאָנאַט אַוועקזיין צוריק קיין ניו־יאָרק, איז ער שוין דורכגעדרונגען מיט ליטעראַרישע שטרעבונגען. ער שרייבט אַסאַך און לייענט נאָך מער. ער לערנט זיך אַליין אינדערהיים, באַזוכט קורסן אין פילאָסאָפיע און סאָציאַלע וויסנשאַפטן. אָם מערסטן אָבער אינטערעסירן אים ליטעראַטור, פּאָעזיע, ביאָגראַפיעס. ער לייענט אַ וועלט אין אידיש, ענגליש, רוסיש.

די ערשטע געדרוקטע זאַך פון לודוויגס פעדער איז אַ ליד אין ענגליש, וואָס איז דערשינען אין דער סאָציאַליסטישער טעג־לאַכער צייטונג „דהי ניו־יאָרק קאָל".

צו איינגעוואָרצלט איז אָבער לודוויג געווען אין אידיש ער זאָל אָנהאַלטן זיין שרייבן אין ענגליש.

ער שרייבט אַסאַך אידישע לידער.

„זונטיק־רו" איז זיין ערשט אידיש ליד, וואָס ווערט גע־דרוקט. עס איז דערשינען אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע" אין אויגוסט 1915.

אין דער פּעריאָדע צווישן 15—1917 שרייבט לודוויג זייער אַסאַך. אָבער בלויז וועניג שיקט ער אָפּ צו דרוקן. טויט איז אין זיי דער עפּטסטער מאָטיוו, און דאָס האַלט אים, זעט אויס, אָפּ זיך צו ווייזן מיט זיי פאַר דער וועלט. דער מאָטיוו איז אים צו נאָענט, צו אינטים, צו פּערזענלאַך. דאָך האָט ער אין יענער צייט געהאַט לידער קעמאַט אין די מערסטע זשורנאַלן און צייט־שריפטן, ווי: „פרייע אַרבעטער שטימע", „אידישער קעמפּער", „די נייע וועלט", „גלייכהייט", „צוקונפט", „אָנהויב".

אין דער אַנטאָלאָגיע, וואָס זישע לאַנדוי האָט אַרויסגעגעבן אין 1919, איז ראובן לודוויג פאָרטראָטן מיט אַ גאַנץ צאָלרייכער סעריע לידער.

אין אויגוסט 1918 פאַרלאָזט לודוויג ניו־יאָרק און ער באַזעצט זיך אין פיניקס, אַריזאָנאַ. דאָס טוט לודוויג ניט צוליב זיין געזונט, נאָר ווייל זיין פאַמיליע באַזעצט זיך דאָרט. אַ שוואָגער איז קראַנק.

סאָף 1919 ווערט לודוויג איינגעלאַדן צוצוטרעטן צו דער גרופּע „אין זיך", וואָס איז דעמאָלט געגרינדעט געוואָרן. לודוויג דערזעט אין דער גרופּע אַ מין אָפּשפּיגלונג פון זיינע אייגענע שטימונגען, פון זיינע אייגענע מאָדערניסטישע נייגונגען, און ער נעמט די איינלאַדונג אָן. פון דעמאָלט האָט ער זיך באַטייליקט אין אַלע נומערן פון די צוויי גענג פון דעם זשורנאַל „אין זיך", אין 1920 און אין 1923. אויך איז ער פאָרטראָטן מיט אַ גרעסערע סעריע לידער אין דער אַנטאָלאָגיע „אין זיך", וואָס איז אַרויס אין 1920.

אַריזאָנאַ באַפרידיקט ניט לודוויגס אומרואיקן גייסט. אין 1920 פאָרט ער קיין לאָס־אַנדזשעלעס און דאַן קיין ניו־יאָרק מיט דעם געדאַנק אַ קוק צו טאָן — עפּשער וועט ער דאָרט קאָנען פאַרבלייבן. אָבער ער בלייבט ניט. אין 1921 קומט ער צוריק קיין פיניקס, וואו ער האַלט זיך אויך ניט אויף אַ לאַנגע צייט. אין 1921 פאָרט ער נאָך אַמאָל קיין לאָס־אַנדזשעלעס.

דאָ באַגעגנט ער זיך מיט ריווע שוואַרץ און האָט מיט איר חתונה אין מאַי 1921. לודוויג און זיין יונגע פרוי טרוימען וועגן אַ גליקלאַך צוזאַמענלעבן. אָבער די קראַנקהייט און דערנאָך דער טויט רייסן איבער אינמיטן דעם ליכטיקן טרוים. אַ טרוים ניט פאַרענדיקט, און אַ וואונדערבאַרע, הערלאַכע ליבע — צעריסן, צעשטערט און פאַרטרויערט.

אין יאָר 1922 פאָרן די לודוויגס אָפּ קיין אַריזאָנאַ, צו זיינע עלטערן. דאָ זיינען זיי בלויז אַ קורצע צייט און אין 1923 פאָרן זיי קיין ניו־יאָרק מיט דער קאַוואָנע צו באַזעצן זיך. לודוויג

פאַרט מיט אַ ווילן אויפצוטאָן אַסאַך ליטעראַריש, זיך פונאַנדער־צונעמען די הענט.

אָבער בלויז עטלאַכע כאַדאָשים נאָכ'ן אָנקומען קיין ניו־יאָרק קריגט ער אַ נייע אַטאַקע פון זיין קראַנקהייט. דאָס מאָל איז די אַטאַקע פאַטאַל.

לודוויג פראָבירט זיך ניט אונטערגעבן, פאַרהוילט אין אָנהויב די קראַנקהייט, וויל די נאָענטע קיין פאַרדרוס ניט פאַרשאַפן.

אָבער די קראַנקהייט ווייס ניט פון קיין ראַכמאָנעס. פרילינג 1925 ווערט לודוויגס צושטאַנד געפערלאַך. ער פאָרט אין יוני מיט זיין פרוי קיין לאָס אַנדזשעלעס, וואוהין זיינע עלטערן האָבן זיך דערווייל איבערגעקליבן. דאָ באַזעצט ער זיך מיט זיין פרוי אין אַן אייגן־אויסגעבויט שטיבל אויף אַ באַרג. די האָפענונג פאַרלאָזט אים נאָך אַלץ ניט. ער וויל לעבן און גלויבט, אַז עס וועט אים גערעאַטן בייצוקומען דעם שטאַרקן סוינע.

אָבער עס גערעאַט ניט. עס העלפט ניט זיין אָפּטימיזם. עס העלפט ניט די ליבע און די איבערמענשלאַכע וואַכזאַמקייט פון זיין פרוי. אויגוסט דעם 12טן 1926 ווערט זיין צושטאַנד אַזוי שלעכט, אַז לויט דער אייצע פון דאָקטוירים פאָרט ער אָפּ אין דעם שטעטל בענינג, אינלאַנד פון קאַליפאָרניע. אָבער קיין זאַך קאָן שוין דעם קראַנקן פאַעט ניט ראַטעווען. צוויי וואָכן שפּעטער, דאָנערשטיק אויגוסט דעם 26טן, 1 אַזייגער בייטאָג, איז ער אַוועק פון דאַנען אויף אייביק.

אַוועק איז ער מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן. זיינע לעצטע ווערטער זענען געווען: „וואָס איז דער אומגליק, נאָך אַ אידישער דיכטער שטאַרבט".

אין די לעצטע כאַדאָשים פון זיין לעבן האָט לודוויג זיך נאָך אָנגעשטרענגט צו זיין ליטעראַריש אַקטיוו. ער האָט זיך גענומען שרייבן דערציילונגען. לידער איז אים שווער געווען צו שרייבן. צו אינטים פאַרוועבט מיט זיין פערזענלאַכקייט. בלויז צוויי

לידער האָט ער אָנגעשריבן נאָענט צו זיין אוועקגיין. דאָס זענען „פונם ווינקל“ און „אַ פרעמדע האַנט“.

די סעריע לידער אונטערן נאָמען „געפונענע פערזן“ האָט לודוויג געשריבן מערסטנס אין דער צייט צווישן 1912 און 1915. מאַנכע זענען אויך שפּעטער געשריבן געוואָרן, אָבער קיינס ניט שפּעטער, ווי 1918. ער אַליין האָט ביים לעבן זיי ניט געוואָלט דרוקן, געקוקט אויף זיי, ווי אויף פּראָדוקטן פון יוגענטלאַכער אומרייפקייט. די צוזאַמענשטעלער פון דעם בוך האַלטן אָבער, אַז סיי לויט זייער פּאָעטישן ווערט, סיי לויט זייער ביאָגראַפישער באַ־דייטונג דאַרף די עפנטלאַכקייט פון זיי ניט באַרויבט ווערן.

ראובן לודוויג

געזאַמעלטע לידער

דאָס מײַן געזאַנג...

דאָס מײַן געזאַנג זײַן די קרעכץ און [illegible] אויסגעשריגענע

אײַערע [illegible] מיך גענומען אין דערשטיקן נאָך מײַן טויט

די [illegible] אײַערע פֿאַרגאַנגען — דאָס [illegible] טראָגט מײַן געזאַנג

פֿון זײַן בלוט צעשפּריצט אויף וועגן — און אויס בלוט איז [illegible]...

[illegible] - און די [illegible] וואָרט פֿײַער פֿאַרגאָסן — —

כּדי, אײַער [illegible] פֿלאַם, מיט פֿאַרטראַכט מיך אויס [illegible].

וואָרט, [illegible] וואָרט, און צעבראָכן [illegible] דאָס זײַן

מיט פֿאַרוואָרלאָזטע געדאַנקען [illegible] [illegible]...

זוויזע פריד

אויפגעפלאַצטע צייטיקייט

א י י ד ע ר ע ר ד פ ו ן ק ל ו י ס ט ע ר ש ט ו י ב

אויפגעפלאַצטע צייטיקייט פון פולע קערנער.
פיינלאַך ווארימער באַגער, די לוסט צו זיין.
פוילט די הויט פון רייפקייט — בליט דער קראַנץ פון
דערנער,
בליט די קרוין פון אונזער קעניגלאַכער פיין.

איידער ערד פון קלויסטער שטויב, וואו יעזוס בלוטיקט,
איידער גלאָקן קלאַנג, און אונזער שטום געזאַנג,
איידער וויים געקרייציקט לייב, וואָס וועקט, דערמוטיקט
גיכע טריט צום גרוב פון אונזער אונטערגאַנג.

בעסער שוין אליין פאַרמעקן שטאַם און נאָמען,
זיין די נעגל ביי דעם האַלז פון לעצטן קינד.
לאָזן נאָר פאַרטריקנטן געפלעק פון זאָמען,
ווערן בלודנע פלעווע פאַר דעם ערשטן ווינט.

אויב ניט מיסט פון רייפקייט — בלוט פאַר נייער הויט,
בעסער וויג פון שטילקייט, שלייף פון לעבן — טויט.

וועג צום מאָרגן

מיר, וואָס שלעפּן נאָך מיט זיך די טרייסט פון געטער,
האָט די בייטש פון דוירעס אויך אַהער דערטריבן.
האָבן קני געבויגן, און ביי דר'ערד פאַרבליבן,
מיר, דאָס לייב דאָס הייליקע, פון זייער רעטער.

אונזער קאַלטער גלאַנץ אין פרעמדע קאַטעדראַלן
זינקט, פאַרשווינדט אין יאָמער-טאָל פון טויטע וועלטן.
אַלטע הייליקייט פון אונזערע געצעלטן
אָטעמט אין דעם שטויב, אין קרעכץ וואו קלויסטערס פאַלן.

איצטער, ברענט די פאַרב פון אונזער וויאַנען,
און די שאַנד ווערט שטעכיק, און די וואונדן רויטער —
נאָר די אויגן שטראַלן ליכטיק, ווערן לויטער,
זוכן אין דער מידבאָר טריט פון קאַראַוואַנען.

זוכן אום די פרייד, דעם סאָד וואָס איז פאַרבאָרגן,
אויפן קרייץ פון וועגן, אונזער וועג צום מאָרגן.

טריט פון רויטער ערד

בלייכער כאַלעם צו נירוואַנאַ, פאַלט פון ווייסע פליגלען.
ווייזע, פלאַטערדיקע רו ווערט שוין צעפליקט צעריסן.
אונזער שטומער ווייטיק שרייט אַרוים פון שטומע שפּיגלען,
זאָל דאָס איינגעוויגטע פון דעם אומגליק זיך דערוויסן.

אייביק וועט די זון צו אונז ניט קריכן אין די בלוטן,
געלע ציין פון צייטן וועלן אונז אַמאָל נאָך פרעסן.
זאָלן מיר אַצינד דערמאָנען זייער האָס צום גוטן,
און דערנאָך פאַרגעסן, זייער גוטס און שלעכטס פאַרגעסן.

אונזער אומרו איז שוין לאַנג מיט ווינטן אַנגעלאָפן,
טיפע הימלען וועלן אונז מער קיינמאָל ניט פאַרוויגן.
יונגע טריט פון רויטער ערד, — די וועגן זיינען אָפן,
זיך אַליין איצט זוכן, זוכן זיך אַליין באַזיגן.

זיך אַליין דערציען, ציען זיך אַליין דערפירן,
זיך אַליין פאַרפירן, זיך געפינען, זיך — פאַרלירן.

סאָד פון גלויבן

זין פון לעבן — זוכן אונזער סאָד פון אייביקן סובסטאַנץ.
סאָד פון ווילן — שרעק פאַרלאַנג צו וואַנדערן און וואָגלען.
סאָד פון גוואורע — דורשט פון ליפּן ביי צעפּוילטע לאָגלען,
הייסער זאַמד, און שאָטנדיקער טראָט פון אונזער וואַנדער
טאַנץ.
סאָד פון גלויבן — אייגן בלוט אויף אונזער אייגענעם אַלטאַר,
וואַרפן גרינע בינטלאַך יאָרן צו די זשעדנע פלאַמען.
הייליקע פאַרצערונג ביי דער סאַנקציע פון גאַמען,
שפּרייטן קישעף שלייער, בלויען רויך פון רויטן זשאַר.

קישעף שלייער — בלינדע אויגן אין אַ ליכטיקייט פאַר-
בלענדט,
כאַאָס און מיסטעריע פון צוויי פרעמדע העמיספערן
טונקלען זיך, פאַרשווינדן הינטער בלוילאַכע פאָרטיערן,
ביז דאָס גליק פון בלינדקייט, סאָד פון גלויבן, רויטער זשאַר
דערברענט.

מיט דער איינזאַמקייט פון פעניקס — דאָס געוויין דורך
אייביקייט.
וועבן אונזער קישעף-סאָד, אין גרעניצלאָזן רוים און צייט.

איצט נישט ווערן

אומעט ליכט פון זונען — פאַלן טונקעלע געוועבן,
קלאַפּער־קלאַפּ פון גלעזערנע שאַרבנס — ווייסער בליט ניט
צימער.
טויט אומאַרמט דיך, האַמלעט, מאָנענדיקער גייסט פון לעבן.
וואָלקנס שטויב אויף פּרעירים, יאָגט זיך דאָן קיכאָט,
דער ריטער.

זיין צי ניט זיין — שטיל, וויבריר ניט, זשאַווער קלאַנג
פון פרעגן.
ריטמישער געזאַנג צו זיין דאָ, זיין, אָט איצט נישט ווערן.
בליאַסק פון אַלטע שפּיזן אָנגעשאַרפטע אויף מידבאַר וועגן,
שטעך דעם אַלטן הימל און צעלעכער אים מיט שטערן.

שטעך דעם שוואַרצן הימל — צו דעם נעפּל נעץ פון ליכטער
לאָזן פאַרביקע באַלאָנען פון די גרויע דעכער.
איבער בערג מיט שאַרבנס, לאַנג פאַרגעסענע געזיכטער,
פליען צו דעם הויך פון גאָרנישט, פליען העכער.

דורך דעם אומעט גאָלד פון זונען, קאַלטן וועג פון שטערן —
דאָן קיכאָט וועט ווערן, ווינטיק זיין דאָ, און ניט ווערן.

גייען און פארגייען

העי ניו יאָרק, באַנאַלער סינאַנים פון שטאָל און אייזן,
טרוים אינפערנאָ, מיליאָנען קעפּיקע כימערע.
זע, פון דיינע פענסטער רייסן מיר גאַרדינען שווערע.
דיינע פייער-אויגן בליץ פון נאַקעטקייט איצט ווייזן.

ניט דאָס ווייסע שוימיקע געדויש פון בלויע יאַמען,
ניט דאָס זיכערע און שאַרפע אַקערן פון שיפן —
ווייזן קינדערשן עקסטאַז, ווייט-ערדישקייט פון מיפן,
פאַרביקע שטיל-לעבנס, איינגעפאַסט אין נעטע ראַמען.

ניט דעם סאַם פון סקאָרפּיאָנען סאַנים צו פאַרטרייבן,
ניט דעם בעטלערישן טרויער ביי דעם קנייטש פון ברעמען —
ווייזן וואונדער פון דער מידבאַר, העלע כריזאַנטעמען
בלייבע זוניקייט פון טרויער, זוניק צו פאַרבלייבן.

שטילע פרייד פון אייניקייט, געטראָגן גרינג פון צווייען.
לעבעדיקער טראָט צו גייען, גייען און פאַרגייען.

בראדוויי

דאַרשטיק לעבן האָט צום קוואַל פון פיין אַראָפּגענידערט.
כוואַליעט זיך מיט בלינדע קעפּ ביי אָנגעגליטע ווענט.
אין דעם לייב-צו-לייב האָט זיך דער עלנט אויפגעגלידערט.
יאָמערט גאַנצקייט, פרייד פון יעדן איינזאַמען פראַגמענט.

ניט דאָס ווילדע בלוט פון אויפגעבליצטע רייץ געזאַנגען
וועט דערפירן טריט צום ברעג פון קילער זיכערקייט.
העלער לייכטזין מאַרש איז צו זיין אָנהויב ערשט דערי
גאַנגען,
שווינדלען אין דעם אָטעם פון אַ נישט צעבליטער צייט.

העלער לייכטזין מאַרש פון דין געצייכנטע פּראָפילן,
ציטערט, וויקלט זיך אין פלאָם פון זיין דערברענטער רו.
רייסט זיך צאַר פון לייב צו שפּילן זיך, פאַרשפּילן
מיט צעפלאַמטע רעגעס פון אַ צופאַל ראַנדעוואו.

רייסט זיך לייב אין צאַר, אויף העלזער שלייפט זיך פייער
שטריק,
האַלזט אַ דאַר דעם אומגליק, פון זיין אויסגעבענקטן גליק.

ב ר אָ ד ו ו י י — נ י י ־ י אָ ר ־ נ אַ כ ט

דאָ באַוויינט אַ גאָט זיין בלאַסע ניט דערקענטע פרייד,
דעם דערלייזערס וואָרט האָט מער קיין הערצער ניט גע־
לייטערט.
ברענט דאָס אייז אויף רוקנס, פון די טויטע רייד דערוויי־
טערט,
צו דעם געלן יאַנטעוו איז דער ווייסער וועג איצט גרייט.

שטראָמט געזאַנג פון לייבער אונטער איין צעשטראַלט
געזיכט.
זינגט איין מויל פאַר אַלע, שרייט אַ יעדער גליד באַזונדער,
מאַכנעם הענט זיך שפּיזן, מאַנען צוגעזאָגטע וואונדער,
מאַנען צוגעזאָגטע סרייפעס, פון דעם קאַלטן ווייסן ליכט.

רעגנט ליכט פון הימלען, וואַרפט מיט זונען פּראַמעטיי,
ווידער שפּאַנט סאַוואַנאַראָלאַ צו זיין שייטער הויפן —
וועט דער אויפגעוואַכטער גוף די לאַסט פון טעג אויסקויפן,
ביי דעם פרואוו דורך פייער, אויף דער הייליקער בראָדוויי.

נעם פון בלוט, וואָס ווערט דאָ וואַסער, און פון וואַסער, וויין.
מידער גוף פאַרשיקערטער, באַזעלט ביים שאַרף פון פּיין.

1923-24

ווייזע פרייד

טריאָלעטן

1

לויטערקייט פון סוידעס טיף אין אונז פאַרזיגלט,
וויגט זיך, וויגט זיך, ווי דאָס זילבער פלאַפלעריי פון יאַמען.
אָטעמט, פלאַטערט אין אַן אָפגרונט ווייס באַפליגלט —
לויטערקייט פון סוידעס טיף אין אונז פאַרזיגלט...
ביז די פרייד וואָס אונזער סאָד האָט אָפגעשפיגלט,
וועט זיך מיט דער נעפלדיקער אייביקייט פאַרצאַמען —
לויטערקייט פון סוידעס טיף אין אונז פאַרזיגלט,
וויגט זיך, וויגט זיך, ווי דאָס זילבער פלאַפלעריי פון יאַמען.

2

וואונדער־ליכט, וואָס איז אין אונזער אייגן בלוט געפאַנגען.
זעליקייט, וואָס רייסט די אייטלקייט פון אונזער הויט,
פרייד וואָס וואַכט ביים אַש פון אונזערע פאַרלאַנגען,
וואונדער־ליכט וואָס איז אין אונזער אייגן בלוט געפאַנגען...
פרייד פון אונזער טראָט וואָס איז צום סאָף נאָך ניט
דערגאַנגען,
רעוועראַנס צום לעבן, ביי די גרעניצן פון טויט.
וואונדער־ליכט וואָס איז אין אונזער אייגן בלוט געפאַנגען,
זעליקייט וואָס רייסט די אייטלקייט פון אונזער הויט.

3

שנייאיקע לעוואָנעם איבער טונקעלע קופּאָלן,
גליטשט זיך אונזער שטילע, אונזער קלוגע פרייד.
אייביק בלייבט דאָס וואָרט, וואָס האָט דאָ אויסגעמאָלן
שנייאיקע לעוואָנעם איבער טונקעלע קופּאָלן.
ניט דאָס ציטערדיקע מויל פון אַלטע אַפּאָסטאָלן
רעגנט איצט מיט געלער שטויביקייט פון רייד —
שנייאיקע לעוואָנעם איבער טונקעלע קופּאָלן,
גליטשט זיך אונזער שטילע, אונזער קלוגע פרייד.

4

וועג פון אונזער לעבן איז פאַר קיינעם ניט געשפּרייט,
שניידט זיך ניט צו פרעמדע שוועלן, ניט צו פרעמדע שטיבער,
ביז דעם לעצטן זוים, וואו אונזער העלער טראָט דערגייט —
וועג פון אונזער לעבן איז פאַר קיינעם ניט געשפּרייט.
פאַלן רעגנדיקע טעג ווי שנייען שטילערהייט,
ביי דעם ליכט פון פרעירים, צווישן בלינדע ווענט פון גריבער —
וועג פון אונזער לעבן איז פאַר קיינעם ניט געשפּרייט,
שניידט זיך ניט צו פרעמדע שוועלן, ניט צו פרעמדע שטיבער.

5

אונזער ווייסער כאַלעם ריגלט אויף אַ ווייסן טויער.
פאַלט די וואונד פון פייניקונג פון אונזער לייב אַראָפּ.
לעשט זיך פלאַמיקייט פון לוסט, דאָס ליכט פון אונזער
טרויער —
אונזער ווייסער כאַלעם ריגלט אויף אַ ווייסן טויער.
זאָל דער בליץ אויף פעלדער, זאָל די שאַרף פון מויער
שטעכן נאָך די אויגן, שלאָגן אונזער יונגן קאָפּ.
אונזער ווייסער כאַלעם ריגלט אויף אַ ווייסן טויער,
פאַלט די וואונד פון פייניקונג פון אונזער לייב אַראָפּ.

6

פון די גערלע הימלען וועט שוין מער קיין גנאָד ניט פאַלן.
וועט די פרייד פון קינדער ווייז און וואָרהאַפטיק דערפירן.
צינדט זיך מער ניט רויטע בלוט ביים פלאַם פון ריטואַלן —
פון די גערלע הימלען וועט שוין מער קיין גנאָד ניט פאַלן.
זאָל דער שטילער וועג די רו פון זעליקייט צעשאַלן,
ביז דער אָטעם וועט אין זיך זיין דאַאיקייט פאַרלירן.
פון די גערלע הימלען וועט שוין מער קיין גנאָד ניט פאַלן.
וועט די פרייד פון קינדער ווייז און וואָרהאַפטיק דערפירן...

1924

פונם ווינקל

גנאַד פון ווינקלדיקן וואונדער,
גוף צעהאַקט אין צווייען.
קאָפּ באַזונדער, לייב באַזונדער,
גייען אוים, פאַרגייען.

לוין וואָס איז ניט מער באַהאַלטן,
לוין פאַר אומגעבראַכטע יאָרן.
איז דאָס לייב צעקאַרבט צעשפּאַלטן,
טראָגט דער קאָפּ זיין קרוין, דעם דאָרן.

זאָל נאָר זיין דאָ, אייביק זיין,
זכום אין די צעבליטע ווייען,
זכום אין דעם צעשטראַלטן פּיין,
גנאַד פאַרן גוף צעהאַקט אין צווייען.

1926

אַ פֿרעמדע האַנט

אַ פֿרעמדע האַנט אין קילן טויאיקן באַגינען
האָט צוגעבראַכט צו זייער טיר דאָס זאַלץ און ברויט.
די בראָכע וועט ביים שוועל איר אָפּרו ניט געפֿינען,
זיי האָבן זייער הויז אָן טרויער ניט געבויט.

איצט וועלן זיי די דרויסנדיקע ווענט באַצירן
מיט שטיקלאַך לעבן, אָפּגעפֿאַרבן שטעכיק העל,
און זאָל דאָס פֿרעמדע אויג אין בלענדונג זיך פֿאַרלירן,
דאָס אויג וואָס לעבט פֿון אומגליק אַף אַ צווייטנס שוועל.

דערנאָך פֿאַרמאַכן און פֿאַרריגלען טיר און טויער,
זאָל וואַרפֿן זיך די צייט מיט רעגן-בויגן טעג.
פֿאַר זיי האָט יעדער ראַנד זיין אויפֿגעשפּיצטן פֿלויט
און יעדע ווייט פֿאַרקניפּט די סטעגעס פֿון איין וועג.

און בלייבן וועלן צווייִ צווישן ווינקלדיקן טרויער.
זיי האָבן זייער הויז אָן טרויער ניט געבויט.

1926

מיר

אַ ווייסער פּאַדים אין דער פינסטערניש פון אונזער דאָר,
בלייכער צופעליקער שטעג אין דעם קילן האַרץ פון וועלדער,
דינער ציטערדיקער בריק איבער מוטנע וואַסערן.
מיר
ציען זיך שטיל און נעפּלדיק טונקל,
בלייך און טרויעריק דין.

האָבן גרינגע פיסלאַך דורכגעטאַנצט
און דערוויטערט זיך אַנטלאָפן,
מיט גילדענע פרימאָרגנס.
און פאַרבאָרגן זיך פאַרשטעלט
מיט דער פרעמד פון ווייטקייטן.

זינגט ליכטיקע געהיימניש,
סאָד פון אייביקער אויפשטראַלונג
אין דער פאַרשטעלטער ווייטקייט —
פאַר אונז.

און רוקט זיך אַ ביינערדיק שווייגן.
שאַרט זיך אין כוישעכדיקע היילן
און ציטערן נאָך נאָענט ווייטע פייערלאַך
צווישן שטייפע פאַרגליווערטע פינגער.

נורעט זיך שוואַרצע רו,
רויכערט מיט פּיין פון פאַרגייאונג
אין דער ליידיקייט
הינטער אונז —

ווייכער ציטער פון אַ פאָדים
בלייכער פלאַטערדיקער עלנט,
יאָגט זיך אום מיט בלודנע ווינטן.
מיר,
אין די פרעמדע הימלען,
און פייכטע אומעטיקע דעמערונג וואָלקנס
וויקלען זיך קיל,
וויקלען זיך שטיל,
וויקלען זיך וויינענדיק
אַרום אונז.

1925

דער ניט געקומענער

ס׳קאָן זיין —
אויגן האָבן זיך געשפּאַרט, און געריסן פינסטערנישן פון
וועגן,
און גלויביקע פייערן האָבן אויסגעברענט, האָבן זיך פאַר־
לאָשן.
שוואַרץ פאַרצויגענע גריבלאַך וועלן אים מער ניט זוכן,
אַף אים מער ניט וואַרטן —
ער איז ניט געקומען.

ס׳קאָן זיין —
שאַרפע פינגער האָבן זיך איינגעגראָבן אין די נאַסע ווענט
פון אָפּגרונטן,
און אַזוי פאַרבליבן, קאַלט און אויסגעצויגן.
טויטע הענט וועלן מער ניט קלעטערן, אים מער ניט רופן —
ער איז ניט געקומען.

האָבן זיינע געצערטלטע זעאונגען ,אין שפּילעוודיקע שטונדן,
געפורעמט ניי לייב
פאַר די געלע קייוועודיקע ביינער —
ער וועט ניט באַלעבן.

האָט זײַן אויסדערוויילט וואָרט געפּלאַטערט איבער די
גריבער,
דורכגעפלויגן ווי אַ צעשראָקענער פויגל, איבער די בלינדע
קעפּ,
און גערופן צו דער הויך פון אַ ליידיקן שטיקל בלוי —
ער וועט ניט דערהויבן.

פיס וואָס האָבן זיך שטענדיק געשאַרט אין ווייכער,
שטויביקער רו
האָבן קיינמאָל ניט געזונקען אין דעם קלעפּיקן אומגליק,
האָבן זיך קיינמאָל ניט געריסן פון דעם קלעפּיקן אומגליק —
ער וועט ניט אַרויספירן.
ער וועט ניט דערפירן.

און טראָגן זײַנע אַקסלען אַן אויסגעגלייכטן קאָפּ
אונטערן אויפגעבערגלטן אַש פונם אייגענעם פאַרברענטן
שטאָם,
און דער פיינלאַכער אונטערגאַנג פון נאָענטע וועלטן,
דער עלנט פון אַ פאַרלאָרענעם בלוט,
ווײַנט ניט אין זײַנע אָדערן —
זײַן לייב וועט ער פאַר קיינעם ניט קרייציקן.
ער וועט קיינעם ניט אויסלייזן מיט זײַן בלוט.

ניט דאָס שטאַמלען פֿון זיינע ליפּן,
ניט דאָס שווינדלען פֿון ציטערדיקע רייד,
וועלן הויערן אין די וויסטע טיפֿן
איבער די קייוועדיקע ביינער.
זיי וועלן שוין ניט אויפֿוועקן ליכטיקע דערמאָנונגען
אין פֿינסטערע שאַרבנס,
זיי וועלן ניט אָנווייען די וואַרימקייט פֿון פֿול ברוסטיקע
אָטעמס
אין די טויטע אָפּגרונטן —
ער וועט ניט קומען.
ער וועט ניט דערלייזן.

צו דעם ליכטיקן באַגלייטער

דאָס לעבן פּוילט אָפּן שפּיציקן לייב
פון איינגעמויערטע מאַמעס,
און שוואַרץ געשטאַלטיקע טאַטעס
ציען דינע העלזער צו דער שאַרף פון לאַסטן.

דו מיין ליכטיקער באַגלייטער,
איבער פאַרזונקענע גאַסן —
וואו זיינען דיינע פולע טאָרבעס
מיט דעם צוגעזאָגטן גליק?

גרויע קינדער,
אַשיקע קינדער
האָבן זיך נאָך קיינמאָל ניט געבאָדן אָף באַזונטע שטרעקעס,
האָבן נאָך קיינמאָל ניט אַרומגעטאַנצט אין כוואַליעס פון
געלעכטער.

דו, מיין ליכטיקער באַגלייטער
איבער אונטערערדישע גאַסן —
ווער האָט אָפּגעווישט דיין אויסגעטראַכטן שייער
מיט די קערנער פון דיין ניט דערטרוימטער פרייד?...

דער סאַד פונם שוואַרצן יאַם

דו, וואָס בענטשסט דאָס ליכט פון דיינע קלאָרע אויגן,
זע —

קאַלט-לעוואָנעדיק לייב
וויגט זיך אַפן שוואַרצן יאַם.
יאָגן זיך פינסטערע כוואַליעס צו פאַרצאַמטע ברעגן
מיט לעבן,
און אין פאַרבאָרגענע ווינקלען
בלייבט ליגן די בלייכע, די אייביקע מידקייט —
טויט.

דו, וואָס טורמסט אין דיין כאָכמע
מיטן הויך פון זינגענדיקע ליפּן,
הער:

דיין געזאַנג וועט קיינמאָל ניט אַנטפּלעקן
דעם צאַר פון פּויסטן איינגעקלאַמערטע,
וואָס האָבן שוין זייער לעצטן ראַנדעוואו
צוגעוואָרפן צו דעם נאַריש, שמייכלענדיקן לעבן.

דו וועסט קיינמאָל ניט אַפדעקן
די רעטענישן פונם אָפּגרונט
הינטער דער קאַלטער הויט פון אייביקער רו.

און דער סאָד פונם שווארצן יאַם
וועט קיינמאָל ניט ווילן מיט אויפגעבליצטע רעגעס.
אין דיין נעפלדיקער כאַכמע —
דער סאָד —
וואָס האָט לאַכנדיק, דאָס ליב — זיין שפּילצייג —
אָפּגעגעבן,
וואָס האָט מיט לעבן — דעם טויט אַרויסגעשפּיגן —
טויט.

צו די אָנזאָגערס און צוזאָגערס

און אַז די פרייד פון דעם ווינטיקן אָנזאָג,
האָט שוין אָנגערירט די שוועלן פון די נידעריקע טירן,
און ביי די אויסגעלאָשענע פענסטער
האָבן פונקען פונם ליכטיקן צוזאָג שוין אָפּגערוט זייער
רעגע —
האָבן אַ ציטער געטאָן די שטומע צונגען הינטער די בלויע
ליפּן,
און פון אַ פינסטערניש האָט דאָס שווייגן גערעט:

אָנזאָגערס —
מיר, וואָס אָטעמען מיט קעלט פון איינגעפאַלענע ברוסטן,
און אונזערע געזיכטער מאָלן אייביקע ווינטערס אַף שווארצע
שויבן —
בלייבן קיינעם קיינמאָל גאָרניט שולדיק.
צינדט ניט קיין פרעמדע פייערן אין אונזערע פאַרפראָרענע
אייוורים.
איר מעגט ברענגען צו אונז די רייכסטע טעג,
די רייפע זאַנגען פון אייערע ליכטיקע פעלדער —
מיר וועלן זיי ניט אויפקלייבן.

איר מעגט צעווארפן פאַר אונז די זאַטע זומערס,
די שווערע סנאָפּעס פון אייערע געראָטענע יאָרן —
מיר וועלן זיי ניט אויפזאַמלען.

צוזאָגערם —
מיר, מיט שנייאיקע געזיכטער,
וועלן שוין אַזוי דערשעפּן אונזער גאַליק לעבן,
שעפּן מיט די פּראָסטיקע פינגער
פונם אייגענעם פאַרטריקנטן ברונעם.

זאָלן זיי

זאָלן זיי אַרונטעררײַסן די קריגערישע פֿאָנען פֿון די מאַסטן,
און צעטרײַבן די באַלאָדענע שיפֿן צו די פֿײַנטלאַכע וואַסערן,
און יעדער פּאָר זיך זאָל בלײַבן אױף זײַן דערוװײַטערטן אינזל,
אױף דעם אינזל מיט פּעלזיקע ברעגן.

זאָלן זיי אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך די דריקנדע פּאַנצערס,
די שווייסיקע לאַסט־קליידער פֿון זייער לײַב.
לעשן די קלענסטע גלוסטן אין דעם מאָנענדן בלוט,
און גליווערן אין זילבערנער נאַקעטקייט.

עפּשער וועט דער קוואַליקער טאָג, וואָס יאָגט אָן זייער אומרו,
און די פֿינסטערע מוירע אין זייער נאַכטיקער ברוסט,
זיך באַהעפֿטן, זיך צוזאַמענגיסן.

טאָג און נאַכט
וועלן ווערן איינס.

עפּשער וועט זיך אײַנשטילן זייער דורשט נאָך נאָענטע זיגן,
און די ווילדקייט פֿון זשעדנע בליקן
וועט מער ניט הונגערן נאָך אומקלאָרע ווײַטקייטן.

האַרטע ערד
און כמאַרעדיקער הימל
וועלן ווערן איינס.

און אזוי,
איינגעגנורעט אין די אייגענע הויטן,
אין זיך פאַרזונקענע,
פרעמד צו זיך,
פאַר זיך אַליין פאַרבאָרגענע —
עפשער וועלן זיי אַרויסשווימען פון די אייגענע טיפן
קלאָרע,
געפונענע.
וועלן אויפשיינען, טוידעסדיקע טאָגן,
פון זייערע ליכטיקע פינסטערנישן
זעליקע,
געלייטערטע.

און דרימלען אין וואַכיקער רו —
גרינגע,
אויפגעלייזטע.

רוען שמייכלענדיקע,
דערגרייכטע,
ביי דעם שוועל
פון דעם אייביקן שלאָף.

זוניקער דרימל,
נאַכטיקער שלאָף —
טויט און לעבן
וועלן ווערן איינס.

1925

28טער יאַנואַר: מיין ר׳ס געבורטסטאָג

נאָר דער אומעט פון דער ערד,
אין אַ קיילעכדיקן שווייגן,
נאָר דאָס שטומע, טעמפּע ליד
אויף דער נאַקעטקייט פון צווייגן,
נאָר קאָשמאַרן פון אַ נאָרד-לאַנד
האָבן דיינע טעג צעשטעלט —
ווי אַ שורע גרויע טרעפּלאַך
צו דעם טרויער פון דער וועלט,
שוואַרצער יאַנואַר...

שניי... שניי... די געזיכטער שניי,
רויטע ליפּלאַך אין די גאַסן —
יעדנס ווייב אַ גאַסן-ווייב.
יעדע יונג-פרוי אויסגעלאַסן...
טויטע ווערטער, נישט דערזאָגטע, שפּרינגען פון די קוואַרים;
טאַנצן, בלענדן פאַר די אויגן, זאָגן וואָס דערזאָגן:
לויף פון ווערטער. רויטע ליפּלאַך און פון שניי געזיכטער.
שניי, שניי... גאַסן לייב, און ווינטן-פליגל טראָגן, טראָגן. —
ווייסער יאַנואַר...

ווינט, און איך, און שאַרפֿע בערג,
שנייד איך, שנייד איך קורצע וועגן
געלע ציין, דאָס מידבאַר מויל
שפּייט מיט זאַמד־שטורעמס אַקעגן.
בלינדערהייט האָב איך געזוכט,
האָב געזוכט, און האָב געפֿונען:
רויטע ערד, און אור־ווילד לאַנד,
אין דעם טאָל פֿון רייפֿע זונען.
גאָלד אין יאַנואַר...

טעג מיט גאָלדיק ווייסע פֿליגל,
קלאַפּן איצטער אין די טירן.
טעג ווי גרינע וואַסער־ליליען
וועלן פֿירן מיך דערפֿירן —
דורך דעם בלוט אויף ווייסע העלזער,
דורך די זונען אין פֿאַרנאַכטן,
צו דער בליאונג פֿון דיין עלטער —
צו מיין טאָג דעם אויסגעטראַכטן.
גרינער יאַנואַר,
זון אין יאַנואַר...

1923

לױב... לױב...

גאָלד, און שלענג, און רױטע ערד,
זון איז אױבערהאַר.
הערט ניט קײנער — יעדער הערט:
לױב דיר יאַנואַר...

זינגט און זאָגט — איך זינג און זאָג:
איך, דער װערטער־נאַר:
פאַר דעם צוגעשיקטן טאָג,
לױב דיר יאַנואַר...

װאָס דײַן הערבסט האָט מיך דערצױגן,
לױב דיר, לױב דערפאַר:
זיסן סאָם, און שטילע אױגן —
לױב דיר יאַנואַר...

1923

יאַנואַר

דין פאַרשטעלט
לעשט זיך צאַר,
ווייסט זיך, העלט,
פרייד־וואוואַל.
פערל־פאַל,
יאַנואַר.

1925

זינג, פרעמדער

זינג, פרעמדער

פרעמדער,
אונזערע טריט וועלן מעסטן די לענג און די ברייט פונם לאַנד,
און זוכן די וואונדער פון דעם לאַנד.

אונזער שוויים וועט ניט אַקערן די רויע ערד,
און לויזער מאַכן מיט שעפּע דעם בויך־גאַרטל פון לאַנד.

אונזער בלוט וועט ניט פאַרבן דעם געלן וועַרטער־פאַל
פון דעם יאַנטעוודיקן מעין־סטריט קאַרנאַוואַל.

ניט מיר וועלן פאַרציען די ווייסע שטריק
אַרום די שוואַרצע העלזער פון דזשאָרדזשיאַס זין.

ניט מיר וועלן צינדן די שייטער־הויפנס
פאַרן שוואַרצן לייב פון לואיזיאַנאַ.

ניט מיר וועלן שליידערן פאַרסאַמטע רייד
אויפן ברוינעם גויסעסדיקן לייב פון ניו־מעקסיקאַ.

מיר וועלן בלויז זוכן די וואונדער פונם לאַנד,
אויף די וויסטע וועגן פונם לאַנד.

אונזערע טריט אויפן שטויב פון די ווייטע וועגן
וועלן ווערן די וואונדער פונם לאַנד. . .

פרעמדער, פרעמדער.

וועסטו הערן מיין פרייד געזאַנג וועגן דער ברודנער מיסיסיפּי,
זאָלן פייערלאַך פון פריידיקן טרויער זיך צינדן אין דיינע
אויגן.
און זינג מיט מיר, פרעמדער,
זינג מיט מיר...

וועסטו הערן מיין טרויער געזאַנג וועגן דער זוניקער
אַריזאָנאַ,
זאָלן שמייכלען פון טרוימיקער פרייד צוקן אין די ווינקלען
פון דיינע ליפּן.
און זינג מיט מיר, פרעמדער
זינג מיט מיר...

וועסטו הערן מיינע הימנען צו די שפּיציקע סיעראַס —
מאַך צו דיינע אויגן אין שטילער פאַרנייגונג.
און זינג מיט מיר,
זינג מיט מיר...

מיר וועלן זוכן די וואונדער פונם לאַנד,
און זינגען אונזער לעצט געזאַנג
צו דער ערד, ניט אונזער ערד.
מיר וועלן זינגען אונזער שוואַנען-ליד
צו דער היים, ניט אונזער היים.
פרעמדער,
אייגענער
פרעמדער...

1924

SYMPOSIUM

“What do you see, Walt Whitman?”

איך זע ברייטע וועגן פון ניי-אָרלעאַנס ביזן האָדסאָן.
איך זע געלע סאָף-זומערדיקע גרעזלאַך באַפלעקן זייערע
    ברעגן.
איך זוך אומזיסט מיינע שווערע טריט, וואָס האָבן געאַקערט
    זייערע ווייכע, שטויביקע רוקנס.
איך זוך אומזיסט די פעסטע, גרין-פאַרבלעטערטע שטאַמען
    פון מיינע פאַרזייטע קערנער.
איך זע די ווענט פון מיינע אויפגעבויטע שטעט, צעפוילט
    און צעברעקלט.
איך זע, מיין פאָלק, דעם ערד-אַרבעטער פון אַלע שטאַטן,
צוגעבונדן צו זיין אַקער-אייזן, אָן ליבע צו דער ערד.
איך זע דעם פריילאַכן גאָלד-זוכער פון קאַליפאָרניע
מיט געלער אָפגעקראָכענער הויט און טיפע איינגעזונקענע
    אויגן,
שאַרנדיק מיט ציטערדיקע פינגער פון אַ קאַרגן — דעם
    אַרץ פון זיין גרוב.
איך זע מיין אַלטן כאַווער, דעם לעצטן פורמאַן פון ניו יאָרק,
זינקענדיק צו דער ערד, אָן דעם טוי פון מיינע רייד אויף
    זיינע ליפּן.
איך זע צעפוילטע ביינער, מיסט אין קוואָרים,
רעשטלאַך פונם גאַסן-ווייב, וואָס מיין שטאַרקער קערפער
    האָט באַפרוכפּערט.
איך זע דעם ריזיקן כאָלעם — פון מיר, דעם גיגאַנט
    וואָלט ווהיטמאַן,

ווי ער ווערט אויף ווייסע וועגן פון ציטערדיקע פיס געטראָטן.
איך זע דאָרע בלעטלאַך אויף דער ווייסער בראָדוויי
פון מיליאָנען בלייכע קינדער געטראָטן.

דזשאָן בראַון, וואָס זעסטו,
וואָס זעסטו, דזשאָן בראַון?
מיין נעשאָמע פליט אום אין אַלע שטאָטן,
און זיי זוכן מיך אום אין ווירדזשיניאַ.
זיי ווען מיך נאָך אַמאָל הענגען אין ווירדזשיניאַ.
זיי ווען קרייציקן דעם אָרימען יעזוס,
ביי דער ערשטער קירכן-שוועל.

באָרד, אויף די קוואָרים פון געטיסבורג, וואָס זעסטו?
וואָס זעסטו, אייבערהעם לינקאָלן?
גרוים איז דאָס לאַנד, זייער פירער איז טויט,
בלוט איז דאָ געל, און סינע איז רויט.
דער נאָרד איז אַלץ פאַלש, און שוואַרץ איז דער זיד.
נאָר די לאַנגע סטענגע פון דער מיסיסיפי
בינדט זיי אין אַ שווערן גאָרב צוזאַמען,
און אייביק לעבעדיק, אייביק גאַנץ,
איז אונזער קעניגן מיסיסיפי,
אייביק זינגענדיק, טיף און גאַנץ —
איז אונזער קעניגן מיסיסיפי.

1923

דער אַלטער ליוואַי

דו וועסט שוין ניט זיין
מיין העלד פאַר אַ לעגענדע,
אַלטער ליוואַי.

דאָס איז געווען אַמאָל —
דערציילן אַלטע פּיאָנערן —
ווען דיינע יאָרן
האָבן זיך אין דריי־צענדליק
בלויז געציילט:

האָסטו אין איין נאַכט פאַרהוליעט
די זעקלאַך מיט גאָלד־שטויב,
וואָס דו האָסט אין אַ מידבאַר־גרוב
פינף יאָר געגראָבן.

ווער ס'האָט נאָר אין שענק געטרונקען —
איז דיין גאַסט געווען.
אַלע פּופּצן אויסגעלאַסענע מיידלאַך
האָבן פאַר דיר
אין אויבער־שטיבל געוואַרט,
און דאָס איין־און־איינציק אויסגעפּוצטע געסל
פון דעם שטעטל
האָט יענע נאַכט גאָרניט געוואוסט,
אַז אַ נאַכט איז געווען אויף דער ערד.

און איצטער —
אַלטער ליוואַי,
דיינע אָוונטן פאַרגייען ביי דער פּיאַנאַ,
מיט דיינע אַלטע ציטערדיקע פינגער
שפּילסטו פאַר די ברוינע מעקסיקאַנער
אין דעם הינטער־צימער
פון דעם אַמאָליקן טרינק־הויז.

זיי מוזן זייערע גראָבע רייד פאַרגעסן,
זיי קנאַקן אונטער מיט די צונגען,
און איינער צו דעם צווייטן ווינקט:
אָ ווי טרויעריק עס שפּילט היינט
פּאַדרעי אַנטאָניאָ,
פאָטער אַנטאָניאָ.

פאַרוואָס רופן זיי דיך אַזוי,
אַלטער ליוואַי:
פּאַדרעי אַנטאָניאָ,
פּאַדרעי אַנטאָניאָ?

און איך וועל ניט דערציילן,
איך וועל קיינעם ניט דערמאָנען
די סוידעס וואָס זיינען פאַר דיר אַליין פאַרבאָרגן,
אַז די לידער פון דיין שיוועס —
אַ געזאַנג פון די לעוויאים
שפּילסטו יעדע נאַכט פאַר זיי.

אַז איך בין דער איינציקער,
וואָס האָט צוגעקוקט,
ווען זיין שטאָלצקייט האָט זיך געברעקלט —
ווי זיין האַנט האָט זיך שוין אויסגעשטרעקט
און געבעטלט.

און אַז דו אַליין
וועסט דורך די נעפּלען פון טויט,
וואָס פאַרציִען שוין דיינע אויגן,
באַלד דערזען:
אַז דיין לעבן איז געווען
בלויז איין לאַנגע זינדיקע מינוט.

ניין,
דו וועסט שוין ניט זיין
מיין העלד פאַר אַ לעגענדע,
אַלטער ליוואַי,
פאַדרעי אַנטאָניאָ.

1920

מאַרים רעיל : דער גאָלד־זוכער

אַלע גראָבן מיר אונזערע קוואָרים
מיט די אייגענע הענט.

דיין טייל זון־ליכט
דאָ אויף דער ערד,
דיין כיילעק רואיקן שלאָף
דאָ אויף דער ערד,
שענקסטו אַוועק דיין לעצטן דאָר
דעם גאָלדענעם אָדער
אויף די שטיינערנע ווענטלאַך
פון אַ פינסטערער נאָרע.
איך בין געלעגן אין דעם גרוב,
וואו שוואַרצע, פייכטע פינגער האָבן מיין האַלז געשטיקט.

איך בין געלעגן אין דיין גרוב,
וואו יעדעס אָפּגעבראָקלט שטיינדל,
וואו יעדעס גריבעלע
איז אַ שמייכלענדיקער סאָד פאַר דיר.
מיט פרייד הויבט זיך דיין ברוסט:
דיינע קינדער רופן דיך און ציען
צו זייער טויטער וועלט.
זיי שלעפּן דיך
צו דיין אייגענעם קייווער,
און צו דעם קייווער
פון דיין לעצטן דאָר, דאָ אויף דער ערד.

1922

ליאַנג קוואַנג

יונגע פייערלאַך צינדן זיך אין די אויגן
פון דעם שטילן באַגדיכאַן.
צינדן זיך אָן, און לעשן זיך אוים,
שפּילן זיך מיט דער זיסער פוילקייט
פון זיינע מידע ביינער,
רייצן זיך מיט דער ליבער זאַטקייט
פון זיין פאַנאַנדערגעבליטער עלטער.

אַ ריר מיטן פינגער —
און עס רויטלען זיך פּאַר אים די ניינצן זומערס
אויף די באַקן פון זיין ווייב.

אַ מאַך מיט דער האַנט,
און ס'ברענגט אַן אויסגעטראַכטע וועלט,
ווייסע קנעכט און דינער
צו זיינע פים.

בלויז אַ מאַך מיט דער האַנט,
און אַ וואַכיקער שלאָף דערכאַלעמט
די געבענשטע שאָ פון זיג
איבער אַלע זיינע פיינט.

שטאָלצער, שווייגנדיקער באַגדיכאַן,
אַלטער ליאַנג קוואַנג,
שפּעטער מיט יאָרן —
אין די גרעניצן פון דיין פאַרלוירן לאַנד —
וואָלטן גאַסן נייגעריק געפרייט זיך,
וואָלטן אויגן זיך געסוידעט אין דער הויך:

זעט, זעט,
אָט גייט דער איין און איינציקער זון
פון דעם ווירדיקן ליאַנג קוואַנג.

1925

דעיזי מעקלעלאַן

דעיזי מעקלעלאַן, די פּרוכטלאָזע מוטער פון שטעטל.
איר כופּע־בעט איז געשטאַנען ביי אָפענע טירן.
און וועט בלייבן, און וועט שטיין הינטער אָפענע טירן.
געטריי איז איר לייב, און נאָכגיביק אויפצונעמען דעם
אָפּפאַל פון לעבן.
גרייט איז איר לייב, און געדולדיק צו זיין דער אָפּגרונט
פאַר ניט געבוירענע.
צוויי דוירעס מיט זאמען טריקענען שוין איצטער אין איר
טראכט.
צוויי דוירעס מיט זאָמען פוילן אין אירע געדערים.
די זאָמען פון פּאָטערס פּיאָנערן,
און פון נייגעריקע אייביק זוכנדע אינגלאַך.

מיט געזונטע הענט האָט זי צוגעבונדן שטאַרקע זין צו דער
רויער ערד.
ווילדע סרייפעס פון זעלבסט־פאַרצערונג האָבן זיך געצונדן,
און זיך אָפּגעקילט אין דער מיטנאַכט שטילקייט ביי איר
כופּע־בעט.
אַקשאָנעס, געדולד, האָבן זיך געשאַרפט ביי די ברעגן פון
איר כופּע־בעט.

אַקשאָנעס צו זיין,
זיך איינוואָרצלען אין דער רויער ערד און בלייבן.
באַגער צו זיגן,
שטיין מיט שווערע קעפּ אונטער שווערע האָגלען —
און זיגן.

געדולד צו בויען.
ברענגען מוטערס, ברענגען זין און טעכטער,
און בויען, בויען,
בויען.

דעיזי מעקלעלאַן!
פאַרוואָס דערלאָזט מען ניט דיינע הענט זאָלן צערטלען
די קינדער מיט ווייסע קעפּלאַך?
פאַרוואָס טאָרן דיינע פינגער ניט גלעטן די קעפּלאַך מיט
די העלע אויגן?
פאַרוואָס זאָלן דיינע ליפּן ניט באַרירן די ברוינע באַשפּרינקל-
טע בעקלאַך?
דעיזי מעקלעלאַן —
די פּרוכטלאָזע מוטער פון שטעטל.

1925

פֿרעמדע הײם

דײַן קינד רײסט זײַן אינגעװעב אין זײַן מוטערס לײַב,
אָרימער, אָרימער סאן װאַ קי.
באַלד װעלן הענטלאַך זיך שפּילן מיט גאָלד פֿון דער זון,
אָרימער, סאַן װאַ קי.

װעט דײַן קינד נאָר דערזען פֿינף פֿינגער אױף דײַן באַק,
פֿינף װײַסע פֿינגער אױף דײַן געלער באַק —
װעט זיך צעװאָיען דײַן קינד, װעט קלאָגן דײַן קינד.
אָרימער, סאַן װאַ קי.

לאָד אָן דײַן שרעק אױף די אַקסלען פֿון דײַן קינד,
אָרימער, אָרימער סאן װאַ קי.
בינד צו זײַן טראָט צו דעם שאָרך פֿון דײַן טראָט,
אָרימער, סאַן װאַ קי.

װעט זיך שאַרן דײַן קינד מיט דיר בײַ די װענט,
פֿאַרשטעלן זיך מיט שאָטנס פֿון גאַסן, און אױגן,
און פֿאַר די בליקן זאָל פֿינטלען שאַנכאַי אָ, שאַנכאַי —
אָרימער, סאַן װאַ קי.

1923

ווער האָט צעשאָסן דעם קרעציקן ניגער.

קייקלען זיך ביינדלאַך, ווייסינקע ביינדלאַך,
רעטל־די... רעטל־די... רעטל־דע־די...

ווער האָט צעוואָרפן,
ווייסע שטיקלאַך וואָלקנס
אויף אַ שוואַרץ־רויטן הימל?

זיבן, אַ זיבן, קום שיינע זיבן.
זיבן, קום זיבן, אַ קום גוטע זיבן...

ווער האָט צעטריבן
ווייסע זעגל־שיפלאַך
אויף אַ טיף־רויטן יאַם?

ווער האָט פאַרשפּילט?
ווער האָט געוואונען?

ווער האָט צעברעקלט
פּיצלאַך צעריסענעם מאַרך
אויפן בלוטיקן טייכל?

העי —
ווער האָט צעשאָסן דעם קרעציקן ניגער?

***

קייקלען זיך ביינדלאַך ווייסינקע ביינדלאַך —
רעטל־די... רעטל־די... רעטל־דע־די...

ווער האָט צעלעכערט דעם ברוינעם קרוג,
און צעגאָסן זיין רויטן ווייַן?

זיבן, אַ זיבן, קום שיינע זיבן,
זיבן, אַ זיבן, קום גוטע זיבן.

ווער האָט באַפּעסטיקט דעם אינזל פון טרויער
אויף דעם פינסטערן קלעפּיקן וואַסערל?

ווער האָט פאַרשפּילט?
ווער האָט געוואונען?

ווער האָט פאַרשפּאַרט דעם ליכטיקן סאָד
הינטער שוואַרץ־גרויע באַרגיקע ליפּן.

העי! אַ העי —
ווער האָט צעשאָסן דעם קרעציקן ניגער?

1923

סיינט אַנטאָניע — דער קוילמאַן

קום,
וואַרף אַראָפּ פון די אַקסלען דיינע איינגעהאָרבעטע טעג
אין דער ראַכוועסדיקער שטילקייט צווישן אונזערע ווענט.
דער בליי פון דיינע מידע יאָרן
וועט צעגיין אין דער מילדער שלעפעריקער וואַרעמקייט.

האָט דיין האַרץ געיאָמערט נאָך הייליקייט
דורך דיין אויפגעראַמטן, באַקלויסטערטן זונטיק?
קום,
הייליקייט וועט זיך דערציען
דורך די הויכע טרעפּ,
אין דיין שווערן טראָט צו אונז.

טאָני,
הייליקער אַנטאָני.
ניט אין ווערטער, קאַלט ווי אָנגעצונדענע רעגנבויגנס,
ניט אין רייד ווי פּראַקטיקער זילבער
אָטעמט זיין עמעס, דער אייביקער עמעס.

דאָס פאַררויכערטע ליכט אַרום דיינע אויגן
שטראַלט מיט רואיקער זעליקייט,
דערנענט דעם שוויַיגנדן סאָד
פון דעם וואָס איז אייביק.

און פאַלן אויף אונז שטיקער פינסטערניש פון פאַרזיגלטע
רוימען,

אונזער צייכן:
מיר דאַרפן ניט זוכן גאָט.
און בעטלען ניט אונזערע טפילעדיקע הענט אין בלויע
ליידיקייטן

און מאָנען זיין עמעס,
ברעקלט זיך פרייד פאַר אונז, די פרייד אים צו געפינען.
אונזער פרייד —
מיר האָבן אים דאָך קיינמאָל ניט פאַרלאָרן.

קום,
אין דער ברייטער שטילקייט
דיין וואָרט,
דאָס וואָרט — פון גאָט.
אין דער פאַרוויגטער וואָרעמקייט
אונזער שווייגן,
דאָס שווייגן — פון גאָט.

1925

אינדיאַנער מאָטיוון

1

אָ, איר ווייס געזיכטיקע,
אָ, ווייס־הויטיקע,
צילט ניט אייער נייגעריקייט.
זאָלן אייערע טריט אייך מער ניט ציען
צו די נידעריקע שטיבלאַך,
צו די קויטיק־געלע, ליים־געבויטע,
צו די אויפגעשטעלטע נאָרעס
פון דעם קליינעם פּימאַ־שייוועט
צו דעם יישעוו קאָמאַטקע.

זאָל דער קלאַפּער־שלאַנג
אייער טראָט דערציטערן.
זאָל דער „הילא־מאָנסטער"
אייך מיט זיין גיפט שרעקן.
זאָלן די עסטרעלא־בערג
אייך דעם וועג פאַרשטעלן.
זאָל דער הייסער מידבאָר־זאַמד
רויט ביז בלוט־פאַרלאָפנקייט
אייך די אויגן בלענדן,
זיי ביז בלינדקייט פרעסן.

אָ, איר ווייס־געזיכטיקע,
אָ, ווייס־הויטיקע,
קומט איר אייער רואיקייט איצט זוכן,

די שוין־לאַנג פאַרלאָרענע,
אויף די אָרימע, פאַרטריקנטע,
אויף די אָפּגעצאַמטע
מידבאָר־פעלדער
ביי דעם יישעוו קאַמאַטקע ?

צי איר שפּאַנט אַהער ווי זיגער,
אייער האַרץ מיט פרייד אָנזעטיקן
וואָס מיט זאַמד גלייך
ליגט די שטאָלצקייט
פון דעם קליינעם פּימאַ־שייוועט ? ...
צי איר קומט זיך וואונדערן
זען, ווי די שטאַרקע ברוינע לייבער
און די מוסקולן פון בראָנז,
אָנגעשטרענגט, פאַרבענקט רייסן זיך
פון די אָרים־לייכטע קליידער
צו דער פרייהייט פון אַמאָל —
צו די שטראָמען וואַרעמקייט
פון דער זון ?

עפּשער, עפּשער ווילט איר איצט שוין טרעפן
וואו, אין וועלכן ווינקל,
וועט דער לעצטער פון די פאַרטריבענע
און פאַריאָגטע אין אַן אייגן היים־לאַנד
זיך אויסציִען און פאַרגיין
מיט דעם לעצטן זיפץ,
מיט דעם לעצטן אָטעם
פון דעם פּימאַ־שייוועט ?

אַ, איר ווייס־געזיכטיקע,
אַ, ווייס־הויטיקע,
וועקט ניט וואונדן אין די הערצער.
ברענגט ניט טרויער פון אוויילים,
וואַנדערט ניט אין זאַמד און מידבאַר
צו דעם קליינעם פּימאַ־שייוועט,
צו דעם יישעוו קאַמאַטקע.

2

שניידט איבער די סטרונעם
זאָל זיך דער בויגן אויסגלייכן,
אונזער פייל וועט מער ניט פליען
צו דעם בלויען הימל.

ביי די בערג, ביי אונזער גרעניץ,
שטייען אונזערע פערד געפּענטעט,
גריזשען דאַרע מידבאַר־וואָרצלען
לעבן פרעמדע פעלדער,
רייך מיט בליענדער אַלפאַלפאַ.

קומט זיך צוזאַמען, איר ווינטן,
פון דעם צאָפן, פון דעם דאָרעם,
פון דעם מיזראַך, פון דעם מאַריוו
העלפט אונז וויינען, ביטער זינגען
אונזערע לידער פון פאַרגיין.

ווילדע אָדלערס, רויבער־פויגלען,
מידבאַר־פיקסלאַך און קאָיאָטן,
שאַרפט די שנאָבלען, שאַרפט די ציינער,
טרעט ניט אָפּ פון אונזערע שוועלן־לעכער,
באַלד וועט קומען אייער יאָנטעוו,
אונזער טויט וועט אייך אים ברענגען.

3

אָפּגעווישט איז שוין דער קריגס־וועג,
פרידלאַך זיינען לאַנג שוין די אַפּאַטשעס,
מיט דעם קעגנער־שייוועט, מיט די בראַווע מאַריקאָפּאַס.
שווער איז אָבער פאַר דער רעכטער האַנט זיך אויפצוהויבן
צו באַגריסן ווייס־געזיכטיקע.

שווער באַוואפנט זיינען זיי צו אונז געקומען,
דאָס געווער פאַרדעקט מיט זיסע ווערטער,
ווי גייסטער האָבן זיי פאַר אונז געוויזן
זייער ווארעמע גוטהארציקייט
אין דעם רויך פון פולווער.

דולדן קאָנען מיר אויף אונזערע גרעניצן די האָפּיס,
די מאָהאַוועס, נעוועהאָס און די מאַריקאָפּאַס.
פרעמד און פיינטלאַך שוויגנדיק וועלן מיר שוין פאַרבלייבן
צו די ליגנערישע ווייס־געזיכטיקע.

4

די זון וועט זיך באַלד טרינקען,
און שווייגנדיק קריכן מיר
צו דעם הויכן באַרג־שפּיץ.

צוויי זונען
פאַרגייען אויך אין זיינע אויגן,
און זיין געזיכט:
אַ ברוינע מאַסקע
פון מעלאַנכאָלישער פאַרביסנקייט.

און שטיל האָט ער געזאָגט,
און שטיל האָט ער געמורמלט:
מיר האָבן ליב די בערג.
אויף זייערע שפּיצן
קומען מיר באַקלאָגן
דאָס פרייע פלאַך־לאַנד פון אַמאָל.

5

אין די פארנאכטן

די סלופעס פון דעם טעלעגראַף
ציען זיך אין דער לענג פון וועגן,
ווי טונקעלע צלאָמים...

מיט זיי
האָט אויפגעוואכט די בענקשאפט
פון אונזערע קינדער.
און אונטער זיי
ליגט אונזער פרייד באַגראָבן —
די רואיקייט
פון אונזער שייוועט.

6

גִ עַ בִּ עַ טִ נָ אָ ךְ רִ עַ גִ ן

הונגעריקע קינדער
שטייען מיר פאַר דיר,
און געדולדיק ווי די בוראַם אין דער וויסטע.

אונזער קעל איז טרוקן,
אונזער צונג איז דאַרשטיק,
און די קוקורוזע
דאַרט אָן פייכטקייט.

שיק צו אונז די אָנזאָגערס פון פרייד — די וואָלקנס,
טרייב אַרויס פון זייער באַהעלטעניש דעם רעגן,
יאָג דעם שניי פון אַלע בערג
טייכנווייז צו אונז אַראָפּ.

מיט זייערע קיילים שטייען אונזערע ווייבער גרייט צו שעפּן
וואַסער,
מיט די קיילים שטייען אונזערע טעכטער גרייט צו שעפּן
לעבן,

ציטערדיק ווי מיר איז אונזער קוקורוזע,
גרייט די וואָרצלען אָנצוטרינקען.

פון די העכסטע פעלזן היטן אונז די שפּעהערס פון דעם
סוינע.
פון די העכסטע פעלזן וואַכן אָדלער־אויגן איבער אונז,
וואַרטן אונזער לייב זאָל ווערן מיד פון הונגער,
וואַרטן, ווען אַ שוואַכקייט וועט באַפאַלן אונזער שייוועט.

7

נאאיסאָווא שלאָפט איצט רואיק ביי איר מוטערס ברוסט.
נאאיסאָווא איז די טאָכטער פון דער רויטער ערד.
פעלן וועט דעם ווינט-גייסט דאָס געזאַנג פון נאאיסאָווא,
בענקען וועט דער באַרג-גייסט נאָך די טריט פון נאאיסאָווא.
בענקען וועט דער קריגער פּאָוואַטיווא נאָך איר רייפקייט.

ביי דעם בויען פון די שטיבלאָך וועט פעלן די האַנט פון נאאיסאָווא,
ביי דעם מידבאַר-טייכל וועט פעלן דער קרוג פון נאאיסאָווא,
ביים געבעט נאָך רעגן, ביי דעם שלאַנגען-טאַנץ,
וועט בלייבן ליידיק דאָס אָרט פון נאאיסאָווא.
נאאיסאָווא איז די טאָכטער פון דער רויטער ערד,
נאאיסאָווא שלאָפט איצט רואיק ביי איר מוטערס ברוסט...

1920

דער קרייץ

צו די ווילדע מידבאַר־בערג
האָבן זיי דעם קרייץ דערטראָגן.
אויף דעם העכסטן באַרג־שפּיץ
אים אַרויפגעשטעלט.
ער זאָל אַלע עקן פון דער וועלט אָנזאָגן:
איך ברענג אומרו.
איך ברענג אומגליק.

פאַרן אַלטע אינדיאַנער
צו דעם שטעטל האָלץ פאַרקויפן.
פאַרן זייערע ווייבער
טעפּלאַך צו פאַרקויפן.
זייערע געזיכטער,
ווי עפּל שטאַרק פאַרפרוירענע,
קנייטשן זיך און קאַרטשען
קוקנדיק מיט צאָרן
אויפן קרייץ.

ווער קאָן דען ניט הערן
שווייגנדיק זיי שרייען:
דו האָסט זיך צו אונז
אַריינגעריסן.
דו האָסט אונזערע קינדער
אַוועקגענומען.
דו האָסט אונז באַגאַנוועט,
גייסט, פון די וויים־אויגיקע.

1920

קוואראלופּאַ

(אינדיאַנער דאָרף)

דאָ טראָגן ניט ווייסע פינגער
דאָס פאַלשע ברויט און זאַלץ אַנטקעגן.
דאָ רייסן זיך ניט ווייסע אויגן
צו זען ווי הויך עס פלאַטערט זייער פאָן.

דאָ רוען מידע קריגער
נאָך אַ שווערער שלאַכט,
און לאַנגע, ביינערדיקע הענט
וואַרפן הויפנס זאַמד פאַר ווינטן.

העיאַ!
וואַיען מידבאַר ווינטן.
העיאַ!
וואַיען און פאַרוויגן;

שלאָפט בראַווע קריגער,
שלאָפט מידע קריגער.
פלאַצן אַלטע שטריק —
פאַרגלייזטע אויגן זעען ניט.
קרעכצן פאַלנדע געצעלטן —
טויבע אויערן הערן ניט.
און זאַמד בערגלאַך וואַקסן —
מידע ביינער פילן ניט.
וואַקסן און פאַרדעקן
לעבעדיקע קוואָרים.

העיאַ!
ווער זאָל שלאָגן געפאַר־סיגנאַלן?
ווער איז זייער שוימער?
ווער איז זייער היטער?
קלאָגן מידבאַר ווינטן,
יואָיען און פאַרוויגן;
רוט, רוט לעצטע קריגער
ביים ראַנד פון גויסעסדיקע וועלטן.
בלינדע נעכט וועלן באַלד פאַרשאַרן
דאָס גאָלד פון אייער לעצטער זון.

שלאָפט, ברוינע קריגער,
ביי דעם זוים פון כאָרעווע וועלטן.
אויף דעם זילבער־מיסט פון אייערעביינער
יואַרטן פינסטערע אָפגרונטן.

העיאַ!
וועמענס קריג האָט זיך פאַרגליווערט
אויף שפּיצן פון ניט געשיקטע פיילן?
און וועמענס זיג וועט באַצירן די גאַרטלען
מיט אייערע צעלעכערטע שאַרבנס?

העיאַ!
וועמענס קריג?
וועמענס זיג?

1924

טריט אויף זאַמדיקע וועגן

1

מידבאַר.

די פולע ברעגן פון אַ ברייטער טאָץ,
גיסן זיך איבער מיט ליכט —
דאָ לעבט די זון.

2

וועגן.

לאַנגע שלענג מיט געלע רוקנס
פאַרשלעפּן אונזער שווערן אומגליק,
און ברענגען אים צוריק.

3

פריידיקע רו.

ווייסע בליטן פון דעם, וואָס איז אונזערס,
שפּאַרן זיך דורך דעם הייסן זאַמד.
אָ, גאָלדענע רו.
דער הימל מעג פאַרשליסן פאַר אונז זיין גענאַד —
מיר ווילן ניט רייסן די צייטיקע פרוכט.

4

נאכט.

די ליכטיקע שיפן פונם יאַם
ליגן אין דעם טיפן אָפּגרונט.
שטיל.
די כוואַליעס גלעטן ניט דעם ברעג,
און קיינער רופט ניט נאָך הילף.

5

א גרופּע פעלז־בערגלאַך.

צעפאַלענע שלעסער
פון אַ פאַרלאָרענעם שייוועט
גויסן מיט אָפענע מיילער,
און שטילע זקיינים
איינגעהויקערטע מיט יאָרן,
כאַלעמען אין אַ זוניקן דרימל.

6

ווייטע בערג.

די אויפגעדעקטע בריסט
פון דער מידבאָר ערד
באָדן זיך
אין טינט־בלויע וואַסערן.

7

מיר.

זע,
אויף דער מידבאַר האָט געלע בלימעלאַך,
האָט רויטע און בלויע בלימעלאַך.
דאָס זיינען מיר —
צווישן אונזערע ווילדע שביינים.

8

שרעק.

פאַרביי אונזערע צעעפנטע אויגן
יאָגן זיך נאָך באַרג־לייבן,
וואָס זוכן אונזער פלייש.
דאָס לויפן צעשראָקענע קראָליקעס
ווי פיילן, צו זייערע לעכער.

9

דער אָדלער.

שוואַרצע פליגל
לויערן ווי ווינטן
איבער די פוסטע נאָרעס.
ניט די נאָדלען פון קאַקטוסן
האָבן פאַרגאָסן דאָס בלוט.

10

זון אונטערגאנג.

ווייסע לייבער
פון פארשייטע קינדער
זיינען געפאלן ניט דערקוילעט
אויפן הימל-זוים —
אין מאריוו.

1923

מעגמאַס קאָלאָראַדאָ

זאָל איך אייך דערמאָנען
אָן אָן עלטסטן פון אַ שייוועט?
מעגמאַס קאָלאָראַדאָ
איז געווען זיין נאָמען.

פרעמדע זיינען אָנגעקומען,
פייערן געצונדן.
אים אויף אוונט-ברויט פאַרבעטן,
פרידן איבעררעדן.

זאָל איך אייך אַצינד דערציילן
ווי געשטאָרבן איז אַ בראַווער קריגער?
מעגמאַס קאָלאָראַדאָ
איז געווען זיין נאָמען.

די וואָס זיינען רייך מיט פייער-וואַסער
און מיט קרייצן אויף די בריסט —
האָבן אים געברענט די פּיאַטעס
און ווי אַ טכויר דערשאָסן.

1920

אַריזאָנאַ

דאָס רויע גאָלד פון אויפגעוועקטע פינסטערנישן
האָט זיך צעשמייכלט איבער פלאַכן, שלעפעריק און פויל.
פאַרוויגט די קעפּ פון בערג, און רויטע פעלזן־טישן,
צעגענעצט זיך פון טיפן מיט אַ גאָלד באַזוימטן מויל.

און האָט דער שוויס פון לייב, מיט איינגעשפּאַרטן ווילן
געריסן זיך אין שיין פון יעדן מילדן אינדערפרי,
דאָס האַרץ פון מיידל־ערד מיט אַקער שטאָל אָפּקילן,
און צאַמען ווילדע ווייטן מיט דעם גרינעם פּאַס פון מי.

און צאָרנט ווען די טיף פון הימלען איינגעפלעקטע,
דער שטויב פון געלע ווינטן איז אויף זיינע פליגלען וואַך,
צו טורמען ברודנע ווענט אויף שטרעקעס אָפּגעדעקטע,
און לאָזן דאָס געביין פון שטורעמס אויף אַ מידבאַר־פלאַך.

דאָס רויע גאָלד, אין רו פון זיג, צעגאָסן ברייט און ווייט,
שפּרייט מידן דרימלענדיקן פייער — גאָלד און אייביקייט.

1924

מעקסיקאַנער מאַטיוון

קויף דיין ווייב אַ שאַל אַ שוואַרצן

קויף דיין ווייב אַ שאַל אַ שוואַרצן,
זינג און שפּיל אויף אַ גיטאַר.
האָסט אַ יונגע ווייב אַ שיינע —
העי, דו אַלטער נאַר!

רויכערסט שטונדן לאַנג דיין ליולקע,
דאָרט וואו ס׳וואַרעמט דיך די זון,
און דיין יונגע ווייב, די שיינע,
וואָס האָט זי דערפון?

עסט טאָרטיעס און טאַמאַלעס
וואָס זי באַקט און ברוינט פאַר דיר.
האָסט אַ יונגע ווייב אַ שיינע —
קוק זיך אום אויף איר.

אין פאַרנאַכטן קומט קאַנראַדאַ,
קומט דער יונג מיט זיין גיטאַר.
היט דיין יונגע ווייב די שיינע,
העי, דו אַלטער נאַר.

1919

ראָדריגעז

ראָדריגעז,
וואָס וויינען היינט אַזוי די סטרונעס
פון דיין גיטאַר?
איז דאָס דערפאַר,
וואָס דיין סינאָריטאַ איז פון דיר אַנטלאָפן?
דאָס, זעלבע האָט דאָך אויך ביי מיר געטראָפן —
איך האָב ניט מער מיין אַדאלינאַ.

ראָדריגעז,
דיין יונגער פערד איז אָנגעזאָטלט
און וואַרט אויף דיר.
דו לויף נאָך איר;
וועסט טרעפן זי פאַרבלאָנדזשעט וואו אויף וועגן
פאַרוויינט, מיט פרייד דיר לויפנדיק אַנקעגן — —
לעבט ערגעץ נאָך מיין אַדאָלינאַ? — — — —

1919

מעקסיקאַנערביידלאַך ביים קאַנאַל.

דאָס געזאַנג פון מוטנע וואַסער
צווישן שמאָלע נידעריקע ברעגן
צו דער ווייטער אייביקייט.

די שוימיקע כוואַליע ביים וואולוואָרט טורם,
צעפּאַלט זיך נישט אַזוי.

אָ, פּליטער־פּלאַטער פון גרויע זעגלען,
ווי ליכטיקע טויבן צום בלויען הימל —
צו דער טונקעלער אייביקייט.

די מידע שוואַלבן, ביים ווינטיקן ברעג פון דער ברייטער מישיגען
צעשוועבן זיך נישט אַזוי.

און, פּלינק־פּלאַנק־פּלינק, פריילאַכע גיטאַרע,
טאַנצנדיקע פיס אויף זוניקע וועגן
צו דער טיפער אייביקייט.

דער גרויער שאָטן־מאַרש ביי די ווענט פון שטעט און שטעטלאַך,
ציט זיך, ציט זיך,
און דערפירט זיך נישט אַזוי.

אזוי:
פלינק-פלאַנק-פלינק, פריילאַכע גיטאַרע,
מיט גרינגע טאַנצנדיקע פיס,
אויףברייטע ליכטיקע וועגן,
צו דער ווייטער, צו דער טונקעלער,
צו דער טיפער אייביקייט.

1923

פ י י ע ר ן.

פייערן, פייערן אין האַרבסטיקע פאַרנאַכטן —
וואַרימט זיך דאָס דינע בלוט פון אונזערע ווילדע שכיינים,
וויגן זיך שאַרפע העק אין די גראָבע הענט פון אונזערע
ווילדע שכיינים,
און ביי אונזער באַוול-בוים פעלן די שטאַרקסטע צווייגן.

שפעטער, שפעטער מיט יאָרן, מיט שטויב פאַרדעקטע יאָרן,
שפעטער מיט דוירעס, מיט צעפוילטע דוירעס,
וועט מען ביי דער שוועל פון אונזער הויז אויסגראָבן —
אָפּגעהאַקטע קעפּ, מיט פאַרגליווערטע שמייכלען.

פייערן, פייערן אין האַרבסטיקע פאַרנאַכטן, —
פאַר'ן קאַלטן דינעם בלוט פון אונזערע ווילדע שכיינים —
האָב איך באַהיט דעם באַוול-בוים דורך די ווינטער-נעכט,
האָב איך באַשיצט די צווייגן פון די שאַרפע העק.

איך האָב באַהיט דעם באַוול-בוים, —
און האָב נים ליב דעם באַוול-בוים
מיט זיין פוסטער בליאונג.
זיין ווייסער פוך אין פרילינג, —
איז ווייסער שניי פאַר ווינטן,
איז קויטיקער שניי אויף גראָזן,
און ווערים, ווערים קריכן
אויף זיין קאָפּ — אין האַרבסט.

1922

איך, דזשאַזיי, און פאַנג לינג

איך, דזשאַזיי דער בלינדער מעקסיקאַנער,
און דאָס אַלטינקע כינעזערל פאַנג לינג,
זיינען היינט ווי קינדער לייכט געוואָרן,
טאַנצן ביידע אום פאַר מיר, און איך, איך זינג.

טיף אין אונז פאַרוויגט איז אונזער אומעט.
טוט דער טרויער פון דער פרעמד אונז מער ניט וויי,
האָט פאַנג לינג זיין קאַלטן בליק פאַרלאָרן,
און זיין מעקסיקאָ פאַרגעסן האָט דזשאַזיי.

איך נאָר פיל, איך וועל נאָך מוזן בעטן
אַ פאַרוויגטער זאָל מיין אומעט זיין נאָך לאַנג,
זייער פרייד זאָל איך איצט ניט פאַרטרייבן
מיט מיין מידן, מיר דערעסענעם געזאַנג.

זאָל זיי צו פאַרגעסנקייט פאַרפירן
מיינע ווילדע טענער פון אַ גאַסן-ליד.
טאַנצן זאָל פאַנג לינג, דזשאַזיי זיך דרייען.
איך בין דאָך סיי ווי פון אַלעם, אַלעם מיד . . .

1919

צו אַ נעגער

ס'האָט די ווילדע אַפריקע
דיך אַהער געשיקט,
און די זון פון אַלאַבאַמאַ
האָט דיך אויפגעצויגן.
ווערן זאָלסטו דער לעבעדיקער אָדער
פון די טויטע זאַכן דאָ אין צימער.
ווערן זאָלסטו זייער האַרץ און זעל.

איז דער ברוינער שטעקן פון דעם בעזים
ווי אַ לאַנגער פינגער פון דיין האַנט,
דראָענדיק,
טייטלענדיק אויף יעדן גרויען שטויב פלעק.
איז דער דיל פעט-גלאַנצנדיק
ווי די הויט פון דיין געזיכט.

איז דיין בלוט ווי צענויפגעגאָסן.
ביזט אינגאַנצן ווי צונויפגעמישט
מיט דער טונקעלער ברוינלאַכקייט,
גלעטנדיק און צערטלענדיק,
ווישנדיק דעם טיש
און די שטולן פון מאַהאַגעני.

1919

ביי אַ וועט-קאַמף

אין זאַל

1

פון ציגאַרן דיקער רויך
און געשרייען ווילדע.
זיילן וואָלקנס ביי דער סטעליע,
שטורעם-וואָלקנס ביי דער סטעליע.

דיקער רויך און געשרייען:
ווייזט אונז בלוט אויף דער אַרענע,
וואַרעם בלוט אויף דער אַרענע!

ווייסע קערפּערס,
קערפּערס שוואַרצע,
ברוינע, ווי פון בראָנז געגאָסן,
רייסן איינער זיך צום צווייטן,
שניידן פלייש מיט זייערע אויגן,
זייערע ליפּן מיד צעעפנט
ציען זיך מיט ווי צוזאַמען,
און זיי שפּייען, שפּייען,
שפּייען בלוט אויף דער אַרענע.

2

אויב ער איז דיין פיינט —
אין זיין האַלז
ביז די יאַסלעם גראָב אַריין די ציין.

אויב ער איז דיין פיינט —
וואַרף אַראָפּ די הענטשקעס,
מיט די נעגל
רייס אים איינציקוויז אַרויס די אויגן.

העי, ניט לאָז אים פאַלן צו דער ערד!
זע, ער שפּייט מיט בלוט שוין,
רויטע שלענגלאַך פויזן פון זיין נאָז.

אויב ער איז דיין פיינט —
הויב אים אויף, —
זויג זיך מיט דעם בלוט אָן פון זיין מויל,
און פון זיין צעקלאַפּטער נאָז.

אונזער העלד

קיד סינאַקי, אונזער העלד,
ליגט באַוואוסטלאָז אויסגעצויגן,
איז פאַרבלוטיקט זיין געזיכט,
און פאַרשוואָלן זיינע אויגן.

ווער עס האָט אין אים געגלויבט,
זאָל דאָס שטילערהייט פאַרטראָגן,
ס׳האָט אַן אומגליק אים באַזיגט,
ניט אַ שלעגער וואָס קאָן שלאָגן.

קיד סינאַקי, אונזער העלד,
האָט צוויי פויסטן שטאַרק ווי אייזן.
ער וועט אונז נאָך ברענגען פרייד,
ער וועט נאָך זיין שטאַרקייט ווייזן.

1918

א י י ר ע אַ נ י ע ל

איירע אַניעל, דער שוואַרץ-הויטיקער שלעגער,
שטשירעט די ציינער און לאַכט פון זיין קעגנער.
איירע אַניעל, דער גוטמוטיקער טיגער,
איירע אַניעל: — דער ניגער...

לויבט אים ווען איינער, צי ס'פאַרגינט ניט אַ צווייטער,
איז ער צו גוטן, צו שלעכטן דערמאָנט ווען —
ווערט פון אַניעל — דער שלעגער, דער זיגער —
בלויז איירע אַניעל — דער ניגער.

1918

קאַרניוואַל נאַכט

בלייכע עלעקטרישע שיין
איז דער שטאַרקער ווײַן
פון דעם קאַרניוואַל.

העי, סעניאָרן, סעניאָריטאַס,
די ליכטיקייט האָט אייך פאַרשיקערט —
איר וואָלט איצטער אויסגעשטאָכן די אויגן
פון יעדן איינעם,
וואָס וואָלט זיין האַנט אויסגעצויגן
אויסלעשן די נעשאָמע
פון דעם קאַרניוואַל.

און איך —
איך וועל אויפשטעלן ווענט פון רויך
פאַר מיינע אויגן,
ווענט פון שטויב און רויך
זאָלן אייך פאַרשטעלן.

היינטיקע נאַכט —
ווילט זיך מיר גלויבן,
ניט אייערע פרעכע געשרייען
האָבן מיך טויב געמאַכט —
נאָר דאָס רוישן פון אַ וואַסער־פאַל
וואָס פאַלט פון דעם טיפן נאַכט־הימל.

1921

זאָל זיין . . .

זאָל זיין אַז היינט בין איך דער נאַר.
און אַז איך זע קלוגע אויגן,
פאַלשע רופנדע אויגן,
פאַרנאַרן מיך מיינע מידע פיס צו זיי.

זאָל זיין, אַז היינט בין איך דער נאַר.
נאַר, ווען מיין רוקן בויגט זיך פון איינזאַמקייט,
ווילט זיך מיר גלויבן, וואָס מע שרייט צו מיר,
נאַר ווען פייערלאַך, פייערלאַך שטעכן מיינע אויגן
מיט שניידנדער פרעמדקייט,
ווילט זיך מיר גלויבן וואָס מע ווייזט מיר אָן.

זאָל זיין, אַז היינט בין איך דער נאַר.
און איך זע, ווי אַלע דאָ —
ווי דער געשטופלטער מעקסיקאַנער,
און ווי דער שטומער אינדיאַנער —
אַז צווישן מיר
און אַלע רעטענישן פון מיין לעבן,
הענגען בלויז קאָלירטע נעוועאָ-קאָלדרעס.

מיינע פינגער ציטערן ביי די אינדיאַנער קאָלדרעס.
איך בין ביי דער קאָרטן-וואַרפערקע איןביידל.

1921

אין דעם לאַנד פון זאַמד

געלע, גרין־באַפּלעקטע בערג
פון ניו מעקסיקאָ,
זאַמדיק־געלע וויסטעניש
פון ניו מעקסיקאָ,
האָט אייך ווער באַשאַפן מי און אַרבעט צו פאַרשעמען ?
וואו־ניט־וואו שטיקלאַך ערד צעאַקערטע,
ברוין און טרוקן שמייכלען קרענקלאַך צו דעם הימל :
גיב אונז שוואַרצקייט.
גיב אונז רעגן.
איינגעשרומפן זיינען דאָ די בריסט פון מוטערס,
וויינען קינדער דאָ פון הונגער,
קנייטשן זיך די שטערנס פון די פאָטערס :
גיב אונז שוואַרצקייט.
גיב אונז רעגן.
זאָלן מיר ניט הערן, ווי אונז שילטן וועט אַ מוטערס
פיינליך שטומע ליפּן,
און ניט זען,
ווי אַ פאָטערס שווייגנדיקע אויגן
וועלן קוקן בייז און שטעכעדיק אויף אונז.
גיב אונז שוואַרצקייט.
גיב אונז רעגן.

1918

די סאַנדלאַ בערג

ווי אַ וועלט פאַר זיך געשלאָסן,
אין אַן אָנגעגליטער ווייטקייט,
בלויען זיך די סאַנדלאַ בערג.
ווייסע וואָלקנס, שנייאיק־בלייכע,
וואַרפן שאָטנס טונקלער, בלויער,
אויף די בלויע סאַנדלאַ בערג.
וואַרפן שאָטנס, גרוילאַך־שוואַרצע
אויף דער טויטער וויסטער פלאַכקייט
ביי די בלויע סאַנדלאַ בערג.

1918

אַזוי מוז זיין

עס גראַבט און גראַבט און גראַבט די ערד,
די מיטאָג זון איז בלענדיק הייס.
און רינט דער שוויים פון זיין געזיכט,
זאָל רינען טראָפּנווייז דער שוויים
פון זיין פאַרברוינט און דאַר געזיכט.
ער גראַבט די ערד.

אַזוי מוז זיין, אַזוי מוז זיין.
פון זיין געזאַלצן-הייסן שוויים
וועט וואַרעם וויקלען זיך דאָס קרויט,
וועט וואַקסן הויך דער מייַלאַמעיז
און פּאָמידאָרן, בלוטיק רויט.
אַזוי מוז זיין.

1919

אַ זאַמד-שטורם

איך וואַרט אויף מיין סוינע
מיט פאַרמאַכטע אויגן.
איך וויל ניט זען,
ווי דער גאָלד-שטויב פון דער מידבאָר
טראָגט צו מיר דעם טויט
אויף געלע פאַרזשאַווערטע פליגל.

ביינער און סקעלעטן
פון טויטע טרוימער
טאַנצן פאַר מיינע פאַרשלאָסענע אויגן.

איצטער וועל איך זיך דערוויסן
די סוידעס פון דער מידבאָר.
איך וועל זיי הערן
צוזאַמען מיט דער רעקוויעם
פון מיין לעצטן טאָג.

1920

צו אַ באַרג מיט שניי

מיין בלייכע בענקשאַפט פון דער מידבר,
ווער האָט אונז אַהער געשיקט
צו באַלעבן טויטע הערצער
מיט אונזער שיינעם טרויער?

מיין ווייסער שטאָלצער אומעט פון דער מידבר,
רוף ניט פאַרפירעריש צו זיך
די בליקן פון דער זון.
דו וועסט דערפאַר דיין זילבער קאָפּ פאַרלירן
דאָ, אין דעם קיניגרייך פון זאַמד.

1920

פראַגמענט

ווער וואָלט גלויבן ?
אין אַ זומערדיקן לאַנד
וועלן פאַלן פון די ביימער
געלע בלעטער,
דאַרע בלעטער . . .

ווער וואָלט גלויבן ?
אין אַ זאַמדיק־געלער וויסטע
זאָלן שטורמען ברייטע טייכן,
רייסנדיק אָפּט ביימער
אויפן וועג,
איינזאַמע,
צו דעם זאַמד, פאַריאָגטע ביימער.

ווער זאָל וויסן,
ווער זאָל גלויבן :
אין די קנייטשן פון די מידבאַר־בערג,
אויף די שפּיצן פון די מידבאַר־בערג,
דאָרט, אויך דאָרטן,
וועט זיך באַהאַלטן אָן אומעט,
לויערן די איינזאַמקייט
אויסצוקוועטשן טרערן בלוטיקע
פון פאַרוואָגלטע,
פון פאַרצווייפלטע.

ווער זאָל וויסן ? . . .
ווער זאָל גלויבן ? . . .

1920

מיינע ליכטיקע טעג

אויסגעשפּיגן האָט דער האָדסאָן
מיינע ליכטיקע טעג,
און זיי געטריבן צו מיר
אין דער מידבאָר אריין.

נאַקעטע בעטלער —
מיינע ליכטיקע טעג.
מיט שיינע בלייכע פינגער
זיי קלאַפּן צו מיר.

איך האָב זיי אַמאָל
געוואַרימט אין מיין ברוסט —
זיי זאָלן מיר ברענגען
מיין זוניקן טרויער.

נאַקעטע בעטלער —
מיינע פאַרגאַנגענע טעג;
אייביקייטן מוז איך מישן
איך זאָל זיי דערקענען.

איך וועל זיי איצט טרייבן,
איך וועל זיי פאַריאָגן,
זיי זאָלן ניט גאַנוועגען
מיין זוניקן טרויער.

1921

אין מאָנראָוויא טאָל

ר—ז.

איז אונזער טראָט ניט שרעקעדיק אויפן וועג צו ווילדע
ערטער.
און אַז די פייכטע ערד איז אונזער בעט —
און אונז איז גוט...
מעגסט הויבן איצט דיין מידן קאָפּ צום הימל.
און ציטערן אויף דיינע ליפּן שטילע, גוטע ווערטער,
ניט שלינג זיי איין צוריק מיט בלוט
פון ליפּן איינגעביסענע,
דו מעגסט שוין זאָגן, מעגסט מיר דערציילן:
די בערג זיי זיינען שיין,
דער הימל איז היינט קלאָר,
און מיינע טונקעלע אויגן —
איך וועל זיי שטאַרק פאַרמאַכן, און איך וועל פאַרגעסן —
Darkness there, and nothing more.

1921

זילבערנע שפּיזן

זילבערנע שפּיזן פון דער לעוואַנע
שטרעקן זיך פיינטלאַך צום מיזראַך,
און דאָס געזאַנג פון אונזער ווילדער נאַכט
שטומט נאָך ניט אויף מיינע ליפּן.

די קעלט פון מיינע פינגער וועקט דעם אומרו אין דיין לייב.
פיילן פון דיינע אויפגעשניטענע אויגן
פאַלן צוריק ביי די גרויע פענסטער
אין געיעג נאָך צערונענע טרוימען.

הערסט דעם הייזעריקן האָן, און וויטן גלאָקן־קלאַנג?
דאָס רופט מען אויס די רעגע, די אויסגעטראַכטע רעגע.
באַלד וועט מען אויפדעקן דעם טאָגס רויטע וואונד,
די שטאָט אין טאָל זאָל זי באַשפּייען מיט רויך.

די וואונד פון טאָג, דאָס ליכט פון אונזער טרויער,
וועט ברייטער אויפרייסן דיינע שטילע אויגן,
זאָלסט היטן מיין שאָטן אויפן ווייסן געלעגער.
פון שאָטן וועט אויפבליען דיין מיידלשער אומעט.

בלייבע אָפּגרונטן אין מיזראַך
שלינגען זילבערנע שפּיזן פון דער לעוואַנע,
מיינע פּלייצעס בויגן זיך שוין אונטער מיינע צעלעכערטע נעצן.
איך הויב זיך אָן יאָגן נאָך די ווינטן פון טאָג.

1922

SIERRA MADRE

1

מיר האָבן זיי געלאָזט אין שטאָט —
טעג ווי שוואַרצע טינט פלעקן.
דאָס ווייסע שניי־פעלד ווייט אין טאָל
איז זייער גרויער הימל.

קום מיט מיר נאָך העכער, העכער...
עפשער וועלן מיר צו דער זון דערגרייכן,
איך וועל אָפּברעכן אַ שטיקל זון
און דאָס אַריינוואַרפן אין שניי־פעלד.

2

זאָלן וויינען די גרויע נעפּלען,
אין דעם ברייטן אָפּגרונט.
איך האָב פאַר אונז דורכגעריסן
די זיבן שלייערן פון טאָל.

איך האָב ליזאַרדן צעטראָטן,
שלענג. אין די לעכער פאַרטריבן,
איך האָב די ווילדע שטעגן
ריין געמאַכט פון דערנער.

פון די הויכע בערג
ברעקלען זיך די שפּיצן —
וועל איך זיי פאַרהאַלטן
מיט מיינע שטאַרקע הענט?

3

דיין שרעק אין די בערג
איז די רויטע פרייד פון מיין בלוט,
איז מיין שיינער גאָלד-באַזוימטער כאַלעם
פון די פאַרנאַכטן.

איצטער, ווען דער אַלטער אַפריקאַסן-בוים
וועט ציטערן ביי אונזער פענסטער,
וועל איך דיך שרעקן מיט מאַיסעלאַך
פון אַ קלאַפּער-שלאַנג,
וואָס איז געקומען צו אונז פון די בערג.

1922

דאָס ליד פון מיינע מידבאַר טעג

אָט אַזוי איז דאָס ליד
פון מיינע מידבאַר טעג
דאָס געזאַנג צו מיר
וואָס זינגט זיך אין מיר:

פאַרלאָז ניט די רויטע ערד,
דיין פרעמדע ערד,
דו ביזט דער זומער
דאָ אין דעם לאַנד.

עפשער וועט מען וויינען נאָך דיר,
עפשער וועט מען קלאָגן נאָך דיר,
ביזט דער גרינער פעברואַר,
דאָ אין דעם לאַנד.

דאָס לעבן פון טעג,
איז אין דיין רעכטער האַנט:
טראָגסט זייער זון
אין דיין רעכטער האַנט.

דער שנייִ פון זומער-לאַנד נעכט,
איז אין דיין לינקער האַנט.
די בלייכע לעוואָנע,
איז אין דיין לינקער האַנט.

פאַרלאָז ניט די ערד
דיין פרעמדע ערד,
פאַרלאָז ניט די מידבאָר,
פון דער רויטער ערד.

אויב דו ביזט ניט דער זומער
דאָ אין דעם לאַנד,
און טראָגסט ניט די זון
אין דיין רעכטער האַנט;

אויב דו ביזט ניט דער ווינטער,
דאָ אין דעם לאַנד,
און עס פעלט די לעוואָנע
אין דיין לינקער האַנט —

פאַרלאָז ניט די רויטע ערד,
דיין פרעמדע ערד,
ביזט אַ וויינענדע ווערבע,
דאָ אין דער מידבאָר...

דעם קאָפּ געבויגן,
די גרינע האָר צעלאָזן,
ביזט אַ וויינענדע ווערבע
אין בליענדן טרויער.

זאָל אַ מידער וואַנדערער
זיך ניט ברעכן אומזיסט,
זאָלן זיינע אויגן ניט בלינד ווערן
און דיך זוכן אומזיסט.

זאָל אַ מידער וואַנדערער
זיך דערשלעפּן אַמאָל,
און שטילן זיין דורשט
מיט דיין בליענדן טרויער.

פֿאַרלאָז ניט די ערד,
דיין פרעמדע ערד,
פֿאַרלאָז ניט די מידבאָר
פון דער רויטער ערד...

1922

סאַן פראַנציסקאָ — אין רעגן

דער ווינטיקער יאַם־ווער האָט דערטריבן אַהער
די טריט פון בעטלער,
און אונזערע טריט.

פינסטערע נעפל־ווענט שאַרפן אונז די בליקן.
זיינען מיר דאָ די איינציקע
מיט ליכטיקע אויגן.

קאַלטע נאַסע שפּיזלאַך שטעכן אונזער לייב,
דאָך זיינען מיר די איינציקע
מיט אַ וואַרימען הויך אויף די ליפּן,
מיט אַ הייסן אָטעם פון אַ שטאַרקן גלויבן,
וואָס טרייבט אונז פון דאַנעט
צום לעבן —
צום לעבן.

מיר זיינען דאָ די איינציקע,
די איינציקע וואָס זעען.
מיר זיינען דאָ די איינציקע,
די איינציקע וואָס גלויבן.
ווי אַ שווערער קופּאָל מיט פאַרויכערטע שויבן —
אַזוי איז דער הימל ביי דעם פריסקאָ־בעי.
נידעריק, נידעריק איבער אונזערע קעפּ —
אַזוי הענגט דער הימל ביי דעם פריסקאָ־בעי.

גרייט זיך אַפּצורייסן,
גרייט אַראָפּצופאַלן,
גרייט אונז צו דערשטיקן.

***

דער ווינטיקער יאַם-וועג, און אַנדערע וועגן
האָבן דערטריבן אַהער די טריט פון בעטלער,
און אונזערע טריט.

שפּאַנען מיר, שפּאַנען דורך גליטשיקע גאַסן,
מיט זיכערע טריט, דורך פינסטערע גאַסן.
און זוכן און פרעגן, און פרעגן,
און זוכן און פרעגן:
וואו איז דער רעגנבויגן-וועג
פון אונזערע טעג,
וואָס ווערט דאָ פאַרלאָרן
אין מאַריוו פאַרשלונגען?
וואו איז דער טאָל,
דער ליכטיקער זוים פון דעם טאָל,
וואו דאָס גאָלד פון אונזער טאָג
דערברענט?

אַז גרויער אומעט פון נעפּל-ווענט,
ווי שאַרפע מעסערס אין בלינדע הענט,
שניידט די פליגלען פון אונזערע פאַרלאַנגען,
צו זוכן אַ זון אין אַ צווייטנס אויגן.

גלייך ניט דאָ איז דער מאַריוו
וואו אונזער זון איז פאַרגאַנגען,
גלייך ניט דאָ איז דער טאָל,
וואו אונזער גאָלד האָט דערברענט.

***

דורכן שטויביקן אינלאַנד וועג, און ווינטיקן יאַם וועג,
יאָגן זיך, יאָגן די טריט פון בעטלער,
און אונזערע טריט:
צום לעבן.
צום לעבן.
צום לעבן...

גרינג איז דער שטויב אויף אונזערע פיס.
שטיל איז דער אומרו אין אונזער ברוסט,
בלייך אונזער כאָלעם פונם גאָלדענעם טויער.
בלייך. בלייך. בלייך.

אַזוי גרינג וואָלט געווען אונז די וואָגיקע פיין,
אַזוי פאַרוויגט וואָלט געווען אונזער שרעק,
אַזוי לייכט וואָלט געווען אונזער טרויער —
אונזער אייביקע לאַסט, אונזער טרויער.

ווען שמאָלע אויגן פון געלן האָס,
וואָס היטן, באַוואַכן דעם גאָלדענעם טויער,
וואָלטן אין נאַסע פאַרוואָלקנטע טעג,
צעבראָכן די נעפּל-ווענט ביים פריסקאָ-בעי,
און צעשמעטערט דעם גאָלדענעם טויער...

1922

שטעט אין מידבאַר

לאָס-אַנדזשעלעס

טויזנט לייכטזיניקע שוועסטער
פון איין מוטערס בויך אַרויסגעקומען.

טויזנט גאַסן-פרויען
האָבן זייער נעץ
איבערן לאַנד פאַרשפּרייט.

זייער לייב — איז רייצנד ווייס,
זייער הויט איז גלאַט,
און אין זייערע הערצער
ליגן בערג מיט פאַרברענטע שמעטערלינגען.

דו, ביסט איינע פון די שוועסטער,
איינע פון די רייכסטע,
בין איך צו דיר צו גאַסט געקומען.

לאַנגווייליק איז מיר געווען צו זען,
ווי דו טראָגסט אָן אויפהער
דיינע גאָלד-פאַרפּוצטע פינגער
צו די רויט באַפאַרבטע ליפּן,
קאָקעטיש איבערצושלאָגן
דעם געקינצלטן פאַלשן געניץ
פון אַ גאַסן-פרוי.

1920

פ אַ ס אַ ד י נ אַ

איך האָב פאַרגעסן,
מ'האָט מיר אין אַ מאַיסעלע דערציילט:
דו ביסט אַ הייל פון פופציק־זיבן מערדערס.

פון דער הויכקייט פון דעם באַרג לאָו
האָבן וואַרימע פאַרלאַנגען
פון מיינע פאַרבענקטע אויגן
דיך אומגעאַרמט.

מיינע פינגער
האָבן זיך געצויגן,
ווי ערשט פאַרליבטע אינגלאַך,
צו גלעטן דיינע ליכטיקע גאַסן,
וואָס שפרייטן זיך איבער דיר,
ווי גלייך צעקעמטע שרונטן
אויף אַ טונקעלן קאָפּ האָר.

גרינג זיינען מיינע פיס געוואָרן
איך בין צו דיר מיט פרייד געלאָפן.

פאַרוואָס האָסטו אַרויסגעשיקט קעגן מיר
איינעם פון דיינע זיבן און פופציק?
איך האָב אין זיינע אַלטע גליענדיקע אויגן
געזען דיין נעשאָמע.
איך האָב אין זיינע פאַרקלאַמערטע פויסטן
געזען דיינע פאַרלאַנגען.
פּאַסאַדינאַ
שטאָט פון פופציק־זיבן מיליאָנערן.

1920

פּרעלוד

(פראגמענט)

דאָ איז די שאַ פּאַר פּויק און טראָמפּייט.
בום, בום —
דאָ איז דאָס לאַנד וואו דער קעניג איז טויט.
בום, בום —
ווער זעט רויטע פלעקן אויפן שאַרף פון דעם מעסער.
בום, בום —
און די וואונד ווערט טיפער, די וואונד ווערט גרעסער.
בום, בום —
און אייביק לעבעדיק, אייביק ברייט
אייביק זינגענדיק, טיף און ברייט,
איז אונזער קעניגן מיסיסיפּי.

1923

דער לעצטער

דער לעצטער

פוילע ווינטן דרייען זיך אום אין אונזערע ליידיקע מויכעס,
פאַרנעמען מיר דאָס געוויין וואָס זיי ברענגען מיט זיך פון
פאַרטריקנטע פעלדער ?
אויף די גרויע פעלדער יאָמערט דער לעצטער פון אונזער
דאָר.
ווען דאָס היילנדע גלעטן פון זיינע פינגער
איז געוואָרן, ווי בריענדע נאָדלען פאַר אונזער לייב,
ווען די פריידיקע טרייסט-ווערטער פון זיינע ליפּן,
זיינען געוואָרן דאָס זאַלץ פאַר אונזערע וואונדן —
איז ער פון אונזערע גרעניצן אַנטלאָפן,
האָט ער זיך אַליין צו זיין אונטערגאַנג פאַרטריבן.

ווי אַזוי זאָל ניט קלאָגן דער לעצטער פון אונזער דאָר ?
אַז אונזערע אייגענע הענט האָבן צוגעטראָגן דאָס פייער
צו דעם געהילץ פון אונזערע געדיכטע וועלדער.
דורך דעם רויך פון די ברענענדע וועלדער
האָט זיך שוין מער ניט דורכגעשלאָגן די ליכטיקייט אויף
אונזערע דעכער,
און געל, און קלעפּיק, איז געוואָרן די ברוינע הויט פון
אונזערע געזיכטער.

ווי אַזוי זאָל ניט יאָמערן דער לעצטער פון אונזער דאָר ?
אַז די לויפנדע טייכן, וואָס מיר האָבן געזוכט צו פאַרצאַמען,
האָבן אויסגעביטן זייערע בעטן
אויף טיפע אונטערערדישע לעכער,

און די שטייענדע וואַסערן, וואו מיר שטילן אונזער דורשט—
פאַרצערן מיט שלאַפקייטן דעם מאַרך פון אונזערע ביינער.

פאַרוואָס טראָגן מיר נאָך די שפּיגלען צו אונזער אָטעם?
פאַרוואָס קנייפּן מיר נאָך אונזער לייב —
צו זען אויב די פאַרב פון לעבן שפּילט נאָך דערויף?
אַז די ריינע הויטן פון אונזערע זויג-קינדער
זיינען געוועזן אין זייערע ליכטיקע אויגן, ווי קרעציקע פעלכלאַך,
און דער גערוך פון אונזערע פאַרגעלטע קערפּערס
האָט שוין פאַריאָגט דעם לעצטן פון אונזער דאָר.
זאָל ער ניט מוזן דערטראָגן די צעפּאַלענע איוורים —
אונזערע בינטלאַך ביינער,
צו די שוואַרצע מיילער
פון הונגעריקע קוואָרים.

1923

מיר ווייסן

די גוויאישע זעאונגען האָבן זיך פון אונז ניט אָפּגעקערט.
און אויב מיר, די שטיף-קינדער, פון דער רויטער מידבאַר־
ערד,
באַגיסן איצט דאָס ביסל ריינע קוואַל-וואַסער
אויף אונזערע אומריינע הענט —
ווייסן מיר:
מיר וועלן אַמאָל נאָך שלאָגן אונזערע צעבלוטיקטע קעפּ
אָן די מידבאַר-בערג, ווי אָן הויכע טפיסע-ווענט,
דער גומען צעטריקנט, די ליפּן פאַרברענט,
און דער מיראַזש פון אַ זומפּיקן וואַסער וועט דאַן זיין,
ווי קוואַלן זיסער וויין,
אין אונזערע איבערגעקערטע, צעדולטע אויגן.

1923

אַ פּאָטערס געזאַנג

די פאַרפרעמדטע לידער פון זיין אייגן בלוט,
און די קינדער פון אונזערע גויאישע שכיינים
טרייבט מיין פּאָטער פון זיין שוועל.

נאָך די גרינגע קינדערשע פיסלאָך
פליען בונטע אידישע קלאָלעם.
די לידער פון זיין אייגן קינד — יאָגט מיין פּאָטער מיט געזאַנג :

פלאַפּל, פלאַפּל אינגל,
דאָס גאָלד, דיין גאָלד, וואָס דיין טאָג וועט צעשפּרייטן,
אויף שטעלן פון מארקן און שוועלן פון קלייטן,
וועלן ווינטן צעטרייבן,
ווי שטויב אויף די וועגן.

פלאַפּל, פלאַפּל, אינגל,
יעדער שיק־יונג פון גאַס, יעדער בעטלער פון לאַנד,
מיט אַ שאַר מיטן פוס, און אַ מאַך מיט דער האַנט,
וועט אויפקלייבן —
דיין גאָלד אויף די וועגן.

פלאַפּל, פלאַפּל, אינגל.
אז די ערד איז ניט דיינע, און דאָס לאַנד איז דיר פרעמד,

און דיין שוך וועט צעפּאַלן און ס'וועט זיך רייסן דיין העמד,
וועסטו בלייבן —
דער אייביקער בעטלער אויף די וועגן.

1923

אין פאָטערס הויז

1

מיין פאָטערס רייד,
זיי קלינגען פרעמד פאַר מיר;
אויך ברענגט מיין מוטער מיר קיין פרייד
מיט אירע שטומע אויגן.

פון אָרט צו אָרט, פון טיר צו טיר,
די ליפּן צוגעמאַכט און שטום,
אַזוי דריי איך זיך אום
אַ פרעמדער צווישן אייגענע.
ווען ניט די גאָלד באַזוימטע וואָלקנדלאַך
אין די פאַרנאַכטן,
ווען ניט די קילע זומערדיקע נעכט,
וואָס ברענגען אויך מיט זיך אַ שאָ
פון גאָרנישט טראַכטן —
ווי שווער וואָלט מיר געווען צו לעבן דאָ,
ווי לאַנגווייליק, ווי שלעכט.

2

מיר פרעסן איינער אויף דעם צווייטן
מיט אונזער ליבע,
מיט אונזער נאָענטקייט.

קאָן איך דען זיין אַן איר?
זי איז מיין מאַמע.
וועט ער ניט בענקען דען נאָך מיר?
איך בין זיין זון.
און אירע ציטערדיקע ליפּן,
די גרויע אויגן — זיי זיינען שוין פאַרטרערט.

זיי רואיק, רואיק זיי, מיין שוועסטער,
איך וועל פאַרבלייבן ווי אַ קנעכט,
צווישן אייך,
און זען,
ווי יעדער טאָג
רייסט איינער אויף דעם צווייטנס ברוסט
און קראַצט אַ שטיקל הארץ פון דאָרטן אָפּ.

און טאָג נאָך טאָג,
און יאָר נאָך יאָר,
מיר פרעסן איינער אויף דעם צווייטן
מיט אונזער ליבע
מיט אונזער נאָענטקייט.

1919

ביזט געשטאָרבן אין דער פרעמד

(אויפן טויט פון מ. ליפסאַן)

ביזט געשטאָרבן אין דער פרעמד,
האָבן פרעמדע לאַנגווייליק באַגלייט דיין וואָגן,
און אַן אַלטער גרויער איד,
אַ פאַרוואָגלטער ווי דו,
האָט געשטעלט זיך אויף דיין קייווער קאַדיש זאָגן.

שטיל האָט דיינס אַ קינד געוויינט,
טרערלאָז, ווי פאַרגליווערט איז דיין ווייב געשטאַנען,
און געוואַרט אין פעלד, געוואַרט,
ביז די נאַכט האָט זיי פאַרהילט,
און צוריק ווי שאָטנס זיך גענומען שפּאַנען.

1918

אויף דעם זאַמד פון אַריזאָנאַ

אויף דעם זאַמד פון אַריזאָנאַ
האָט דיין קינד אַ טרער געלאָזן
האָט דער זאַמד זי באַלד פאַרשלונגען ,
און דער ווינט דעם שפור פאַרבלאָזן.

אויף דעם זאַמד פון אַריזאָנאַ
צו דיין קייווער וועט זי גיין.
זאָלן אירע טריט כאָטש בלייבן,
זאָל דער ווינט זיי ניט פאַרווייען.

1918

זיי זאָגן

זיי זאָגן:
האָסט אַמאָל געהאַט אַ ברודער
מיט פאַרווײנטע אויגן —
די ווייכקייט פון זיינע שטילע רייד
פאַרזיסט נאָך איצטער אונזער גומען...

זיי זאָגן:
האָסט אַמאָל געהאַט אַ ברודער
מיט אַ געקרייציקט לייב —
איז פרייד גערונען פון זיינע וואונדן,
זוכן מיר זיין בלוט דורך וועלטן.

און ווייל איך האָב געהאַט אַ ברודער
מיט פאַרטרערטע אויגן —
מוז דאָס ליכט פון מיינע אויגן
ווערן ווי ביי קעלבער טעמפּ,
מוז איך שוין מיין הויט פאַרבייטן,
זיך אַליין אַ פרעמדער ווערן.

און ווייל איך האָב געהאַט אַ ברודער
מיט אַ צעבלוטיקט לייב —
שפּייט מיין טאַטע, שפּייט און שפּייט,
ווען זיין נאָמען רייסט דורך די שטעכיקע פלויטן
און פאַלט אַראָפּ ביי אונזער שוועל . . .

און ווייל איך האָב געהאַט אַ ברודער
מיט פאַרקלאָגטע אויגן —
ליגט דער יונגער טאָם טשיוואַווא
מיט שוואַרצע לעכער אין זיין ברוסט.
עפּנט איצטער טאָם טשיוואַווא
פון דעם קאָקאָנינאַ שייוועט
דעם שווערן טויער צו זיין טויט.

העי, דו ברודער, טרייער ברודער,
איך,
מיין טאַטע,
און טאָם טשיוואַווא
וועלן ביי די הענט זיך נעמען.
מיר וועלן טאַנצן, מיר וועלן זינגען:
Love thee another

וועל איך פון זיך מיין הויט אָפּשינדן,
מיין טאַטע וועט נאָר שפּייען, שפּייען —
און טאָם טשיוואַווא וועט גויסעסדיק זינגען:
Love thee another

1922

גאָטס זון

ווען מען האָסטו דען דערציילט,
אַז דו וועסט אַמאָל אַהער נאָך קומען?
איצטער וואַרטן זיי אויף דיר,
שילטנדיק מיין נאָמען.

איך האָב היינט דערהערט
ווי עס שרייט מיין בלוט אין מיר.
איבער דיר וועט דאָס באַלד ווערן
רויטע בלאָטע וואו אויף וועגן.

נו, זאָל זיין,
איך האָב אויך אַמאָל געזינדיקט.
אָבער גלויב מיר:
וואָלסטו ווען אַהער געקומען,
וואָלט איך געוועזן פון די ערשטע,
צו באַוואַרפן דיך מיט שטיינער.

איך האָב קיינמאָל ניט געקלאָגט
אויף דעם ווייטיק פון מיין פאָלק,
ביז איך האָב דערזען,
אַז איך בין ניט אייערער.

איך האָב קיינמאָל ניט געבעטן
מיטלייד פאַר מיין פאָלק.
האָב איך עס געטאָן,
האָב איך שטענדיק זיך אַליין געהאַט אין זינען.

שריי איך איצטער:
יעזוס, יעזוס פון נויצערעס,
מיר איז שוין דערווידער
מיין מאַרטירער לעבן
איבער דיר.

יעזוס, יעזוס פון נויצערעס,
ביזט ניט מער ווי אַ נאָמען דאָ פאַרבליבן.
נאָר אַ נאָמען,
וואָס הילט איין די וועלט אין שוועבל־דאַמפן
פון גיפט און פון נעקאָמע.
דיין נאָמען דרייט זיך לאַנג שוין אין די מויכעס
פון דיינע בעטער —
אוים געוואוינהייט בלויז.
דיינע רייד
זיינען שוין ביי זיי באַוואַקסן
מיט דעם גרינעם שימל
פון גלייכגילטיקייט.

שריי איך:
יעזוס, יעזוס פון נויצערעס,
מיר האָט שוין דערעסן
מיין מאַרטירער לעבן
איבער דיר.
מעגסט שוין, מעגסט שוין גיין זיך,
אָדער —
זיך באַווייזן.

1920

שײַלאָק

שײַלאָק,
ברודער מײַנער פֿון װענעדיג,
אײדער איך האָב זײ דערקענט,
איז דײַן גײסט מיר פֿרעמד געװען,
װי דער גײסט פֿון האַמלעטס פֿאָטער.
איצטער היט איך, אַז אָן דײַן נאָמען
זאָל בײַ מיר נאָר ליבע זיך באַהעפֿטן.

ניין, איך װאַרעם ניט קיין ראַבע
אין מײַן ברוסט פֿאַר זײ,
שײַלאָק.

זײער ליב
װעט סײַ־װי אין גיכן
אין אַ קיִװער פּוילן,
װערים װעלן זײער פֿלייש
ביזן לעצטן שטיק אױפֿפֿרעסן.

ניין, איך װאַרעם ניט קיין ראַבע
אין מײַן ברוסט פֿאַר זײ.
נאָר פֿון די בערג אַראָפּ פֿון זײער שפּאָט צו אונז —
הער מײַן אױסגעשרײַ:
אױף דײַן אָרט װאָלט איך ניט אַנדערש געװען,
שײַלאָק,
ברודער מײַנער פֿון װענעדיג.

1920

איך האָב דיך באַזיגט

זי האָט מיר דערמאָנט דיין נאָמען.
האָב איך אירע ליפּן באַלד פאַרשלאָסן.

העי, דו ווערטער־וואַרפער,
מעגן אַלטע ווייבער
טראָגן דיין פאַרוויינט געשטאַלט
ביי די איינגעדאַרטע בריסט.
אונזער בלוט,
יונג בלוט,
קאָן דיך ניט פאַרטראָגן.

איך האָב אויף אַ ווײַלע
פון איר זינען
אָפּגעווישט דיין נאָמען
מיט מיין באַריר.
איך האָב דיך באַזיגט.

1920

צו ריטאַ׳ן — אַ גאַסן־מיידל

קום צו מיר.
איך וועל דיך פון זיי באַהאַלטן,
איך וועל דיך פון זיי פאַרשטעלן.
די קינדער פון גאָטס זון
קאָנען דיך ניט זען
אין מיין שטיבל.

אין מיין שטיבל
האָט די נאַכט קיין אָרט ניט.
זייערע אויגן,
ווי ביי פלעדער־מייז,
וועלן בלינד ווערן
פון די זונען
אין די ווינקלען.

1920

אין וואַלד פון מיין לעבן

ווי אַ לייב
אַ פאַרוואונדעטער,
אַ פאַרבלוטיקטער,
ליג איך אין דעם וואַלד
פון מיין לעבן.
שטיל —
ווי עס פאַסט דעם קעניג פון דעם וואַלד
זיינע וואונדן דורכצוטראָגן.

און די טעג און נעכט, ווי בלעטער,
פאַלן, פאַלן
און באַדעקן מיך
מיט אַ לייכטן געלן בערגל —
מיין אומשטערבלאַכקייט...

1920

זעלבסטפאַרניכטונג

וואָס בין איך ביי זיי,
אויב ניט אַ ווייסער פלעק
וואָס ציטערט ווי פאַרקילטע פוס־יויך
אין זייערע הענט ?

וואָס בין איך דען ביי זיי,
אויב ניט אַ פינטל,
וואָס שווינדלט ווי אַ פליטערל
אין דער קאָלירלאָזער טיפקייט
פון פאַרמאַכטע אויגן ?

און קומען וועט אַמאָל דער טאָג,
ווען איך וועל זיך צעפּיין
פון פלאַמען־געהענעם אין מיר,
ווען איך וועל זיך דערטרינקען
אין געהענעם
פון מיין פאַרשאָלטענער נעשאָמע.

אַי, וועלן זיי דאַן טריאומפירן
און העלדיש
פאָזירן פאַר זייערע שפּיגלען
צו זען :
אויב זונען ברענען ניט אין זייערע אויגן.

און קיינמאָל, קיינמאָל וועלן זיי ניט וויסן,
אַז איך האָב זיך אַליין פאַרברענט
מיט פלאַמען, וואָס סאַרפּענען אין מיר...

1920

מיינע זינד

מיינע זינד
וואַרפן זיך אין מיר,
ווי צוויי־שאַרפיקע
מעסער.
זאָג!
וואָס באַהאַלטסטו אונז אין זיך?
ליגן ווילן מיר פאַר דיר
שיין ווי פאַרביקע
זומער־פייגעלאַך —
און מיט אָפּגעדרייטע קעפּלאַך.

1920

דרײַ לידער

1

נידעריק מיר פֿאַלן, שוועסטער,
צו דעם שטויב זיך ציען.
אי דער שלעכטסטער, אי דער בעסטער,
אַלע קניען... קניען...

ווער אונז שרעקט — ווייסט קיינער, שוועסטער,
אַלע גלײַך ווי איינער.
ניט דער קלענסטער, ניט דער גרעסטער,
קיינער ווייסט ניט, קיינער.

2

גרויער ווערן טעג, און גרויער.
קלענער אונזער פרייד.
אונזער וואָרט ווערט לייכט פון טרויער,
נאַרישער די רייד.

האָבן מיר געציילטע ווערטער
טראָגן מיר זיי אום.
ביז אַ טאָג קומט — אַ באַשערטער —
און מיר בלייבן שטום.

3

האָט דער טאָג זיין ליכט פאַרלוירן,
אין מאַריוו איז דער ברעג נאָך רויט.
איך האָב אויך וואָס אָנגעוואוירן,
די טרוימען מיינע זיינען טויט.

גאָרניט האָב איך דאָ געפונען,
כ׳מאַך שוין די מידע אויגן צו —
מיינע טרוימען, ווי די זונען
זיי זינקען איצט צו זייער רו...

1920

צו אַ פרוי

און ווען סטו שטאַרבן,
וועל איך צו דיר אין הויז ניט קומען.
מיט אַלעמען דיין טויט באַוויינען און באַקלאָגן
און איבער גאַסן נאָכן וואָגן
וועל איך ניט גיין.
נאָר קויפן וועל איך אַ בינטל רויזן,
און אָנטאָן זיך מיין העלע יום־טוב קלייד,
און שפּאַנען פון גאַס צו גאַס — צווישן מויערן.
באַגריסן יעדן אויף מיין וועג מיט פרייד
און זאָגן:
ניט וואונדערט זיך — איך מוז זיך פרייען,
דאָס איז מיין ערשטער טאָג אין לעבן,
ווען איך האָב כאָטש געפונען אויף וועמענס טויט צו טרויערן,
און וועמעס לעבן צו באַדויערן —
דערפאַר איז יום־טוב היינט ביי מיר...

דאָך מאָרגן, מאָרגן,
ווען דיך וועט שוין קיינער ניט דערמאָנען,
און נאָר איך איינער
וועל ליגן אין אַ ווינקל וואו פאַרבאָרגן
מיט ליפּן שטייף פאַרביסענע,
און פרעסן וועל איך מיינע ליפּן
אין זינען בלויז — צו דיינע —
צו מיינע,
פון מיר אָוועקגעריסענע...

1920

פרייד

פרייד האָט אויפגעריסן מיין ברוסט
מיט שאַרפע נעגל.

מיין האַרץ ווערט נענטער און נענטער
צו אַ ליבן ווייטיק.

איך וועל אַריינאָטעמען דעם טרויער,
וואָס פלאַטערט אין דער לופט ביי דיין שוועל.
איך וועל מיטזינגען דאָס קלאָג־ליד,
וואָס באַגלייט דעם טויטן טאַנץ
פון דיין פאַרשאָלטן שפּאַניש בלוט.

איך וועל אַריינזויגן אין זיך
די זיסקייט פון בלינדער נעקאָמע.

1920

זויערע ווײַנטרויבן

אומזיסט שפּרייט די ערד פֿון דײַן גאָרטן
דעם גרינעם צודעק
פֿאַר מײַנע טריט —
איך וועל אים ניט באַרירן.

פֿון דער זייט פּלויט,
און אָנגעשפּאַרטער אויף די ווײַסע שטאַכעטן,
האָט זיך אײַנגעשטילט
מײַן אומרואיקער באַגער
נאָך דיר.

ווײַס איך דען ניט,
אַז דײַן הויז־טיר איז פֿאַר מיר פֿאַרשלאָסן,
אַז דײַן מוטער זוכט בײַ מיר
דאָס בלוט, וואָס יעזוס האָט אַמאָל פֿאַרגאָסן,
און אַז אונטער דײַנע פֿענסטער
נאָענט, נאָענט צו דער וואַנט,
וואַקסן ווײַנטרויבן, וואָס איך וועל קיינמאָל ניט פֿאַרזוכן.
זויערע ווײַנטרויבן, וואָס וועלן קיינמאָל שוין ניט ווערן
צײַטיק.

1920

גוט איז דיר...

גוט איז דיר, וואָס דו קאָנסט וויינען.
איך קאָן נאָר שווייגן און טראַכטן.
טראַכט איך וועגן דיר.
וועגן דיר,
וועגן אים.
מיר טוט עפּעס באַנג און וויי.
דיר איז שווער און שלעכט,
אים איז פרעמד זיין היים,
פרעמד זיין אייגן ווייב.

דאָך,
גוט איז דיר,
גוט איז אים —
דו קאָנסט וויינען
ער — פאַרגעסן.
נאָר איך בין פאַרשאָלטן
אונזער טרויער אומצוטראָגן,
אונזער וויטיק שווייגנדיקערהייט פאַרשפּרייטן,
פאַר דער וועלט, פאַר פרעמדע אויערן.

1920

ד ו

ביסט ווי אַ קויטיק צירונג־בלעטל
פון אַ בוך אַרויסגעריסן:
האַלב־אָנציענד
און אינהאַלטלאָז...

אַלע ווינטן פון דער ערד
טראָגן זיך מיט דיר אַרום,
און אויף אַלע מיסטן
האָב איך דיך געפונען.

מיט פרייד
צענעם איך איצטער מיינע פאַרקלאַמערטע פינגער,
גליטשסט זיך פון מיינע הענט אַרוים...

איך וועל שוין מער מיט צערטלאַכקייט
דיינע קנייטשן ניט אויסגלעטן,
דיינע פלעקן ניט אָפּווישן.

עס איז פאַרפאַלן.
ביסט די געזאַלבטע שטים פון שטויב,
וואָס רופט:
שטויב צו שטויב
און מיסט צו מיסט.

1920

סילועטן

שאָטנדיק און לייכט
וויגן זיך סילועטן
אין דער נאַכט-שיין פון דעם פּאַרק.

ווער קאָן זען דורך אַ שלייער
באַקן פאַרביקע,
ליפּן פלאַמענדע?

ווער קאָן הערן
מורמל-ווערטער פאַרלירן זיך
אין דעם שאָרך פון בלעטער?

ווער קאָן פילן
פרעמד בלוט יאָגנדיק זיך
ווערטן אויפצובויען?

ווער קאָן וויסן,
וועלכער שטערן וועט זיין באַשאַפן
פאַר דער אייביקייט?

1920

אַ זינדיקע

אַ זינדיקע,
ווי מיריאַם פֿון מאַגדאַלע,
האָסטו ביים בעט געקניט,
און איך בין שטיל און מיד
געלעגן אויסגעצויגן
מיט ברייט צעשפּרייטע הענט
ווי יעזוס אַ געקרייציקטער.

איך האָב געהערט — דו וויינסט.
און איז דיין טרער אַן עמעסער געווען,
און דו האָסט זיך מיט שמערץ געבוקט,
נאָר איך, מיט האַלב־פֿאַרמאַכטע אויגן,
האָב מיד געוואַכט
און גלייכגילטיק אַרום זיך געקוקט.
געזען:
ווי אַלע מאָל אין דרויסן טונקלט זיך די נאַכט,
אין צימער בלייכן זיך די ווענט,
און גלאַט אַזוי אַלס צייט־פֿאַרטרייב געטראַכט:
ווי גוט עס איז צו זיין געקרייציקט
אין דיינע אויגן,
אָן צייכנס בלוט
אויף מיינע פֿיס און הענט,
אָן דערנער־קרענצלאַך אויף מיין קאָפּ,
און אָן אַ האַרץ, וואָס ווייטיקט.
ווי לייכט און גוט...

1920

רעזיגנאַציע

איך בין נישטיק, שרעקעדיק און קליין.
ווען איך האָב מיין קאָפּ צווישן מיינע הענט באַהאַלטן,
און געציטערט האָט מיין לייב פאַר שרעק,
ניט די נאַכט האָט מיך געשראָקן —
אויפן טישל האָט אַ ליכט געברענט,
און געוויזן:
קיינער האָט אויף מיר אין צימער ניט געלויערט,
נאָר געציטערט האָט מיין לייב,
און פאַרשטעקט האָב איך מיין קאָפּ צווישן מיינע הענט.
ווייל געשראָקן האָב איך זיך פאַר זיך אַליין.
איך בין נישטיק, שרעקעדיק און קליין.

1918

די טויטע

די טויטע פוילן אין די קוואָרים
ווען טעג מיט רויטע, זשעדנע אויגן
וואַכן אויף פעלדער.

די נאַכט,
די שלומפּערקע די נאַכט,
פאַרשלעפּט זיי אָפּט מיט זיך
צו מיר אין שטיבל.
זיי ווערן מיינע געסט.
מיט מיר צוזאַמען
זיי הערן זיך ציטעריק צו
מיט גרויל אין זייערע ביינער,
ווי אונטער מיינע פענסטער
אין דרויסן
קלאָגן קעץ.

1920

צו אַ קריסטלאַכער דאַמע,
פֿאַר איר פֿריינדלאַכקייט צו מיר...

איז קיינער ניט געבליבן אויף דער וועלט,
נאָר איך — און דו.
און אַרום אונז
ציען זיך רויטע שטרעקעס,
באַדעקט מיט גרינע קאַקטוסן
און גרויע צלאָמים.

אַ נייע וועלט האָט אויפגעבליט
פֿאַר דיינע שמייכלענדיקע אויגן,
אַ וועלט וואָס איז פֿאַרשטיינערט.
איז קיינער דאָ ניטאָ,
וואָס זאָל מיט אונז
זיך איצטער פֿרייען?

ביי דיינע פֿיס צעטראָטן
וואַלגערן זיך די שלענג,
וואָס האָבן ערשט ניט לאַנג באַצירט
מעדוזאַ׳ס קאָפּ.

1920

טויט

אויגן וויינען, וויינען,
אויגן ווערן רויט,
אין אַ ווינקל וואו — דער טויט
לאַכט פון טרערן.

אים האָט קיינער ניט געזען,
ער איז איצט פאַרשטעלט
אין דער דינער קעלט
דאָ אין צימער.

אויגן וויינען, וויינען,
אויגן ווערן רויט.
רויט אַצינד דער טויט
אין אַ האַרץ אָן בלוט.

אים האָט קיינער ניט געזען.
ס׳איז דאָס האַרץ פאַרמאַכט
אין דער נאַכט
פון אַן ענגער ברוסט.

1920

ווער רייסט

ווער רייסט אַצינד די סטרונעס פון מיין אַלטער מאַנדאָלין
און וויינט מיט מיר צוזאַמען דאָ אין שטוב?

האָט זיך פון באַוועלס טייכן
דערצויגן אַהער אַ שאָטן —
זיין טרויער —
וואָס האָט אויף ווערבעס שטיל געציטערט
האָט זיך צוויי טויזנט יאָר געריסן,
און אויסגעבראָכן ווילד
און וויינענדיק
ביי מיר אין שטוב?

1920

VENI VIDI . . .

איך בין געקומען,
איך האָב געזען —
און האָב ניט וועמען צו באַזיגן.

די גרינע גלאַנציקע פליגן
האָבן שוין אַנדערע פאַרטריבן
פון די ברעקלאַך אויף די טישן.

און איך, דער גאַסט —
דריי זיך אום אין ליידיקע צימערן.

איך וועל מוזן אַריינגראָבן
די פלעקער פון מיין ביידל
ערגיץ אויף אַ וויסטער ערד.

דאָרטן וועט מיין שלאַכט־פעלד זיין.

אַהער בין איך געקומען,
איך האָב געזען,
און האָב ניט וועמען צו באַזיגן.

1920

סיעסטאַ

דער אויוון גליט.
עס ציטערט אויפֿן דיל אַ געלבלאַך־רויטער שיין,
און וואַרעם איז אין שטוב און שטיל.
פֿאַרנאַכטלאַך גרוי
אַ טונקלקייט אין צימער גאַנוועט זיך אַריין.

אין גרויען ליכט
פֿאַרוויג איך זיך מיט צאַרטע פֿערזן פֿון ווערלען,
און רואיק, רואיק קלאַפּט מיין האַרץ,
נישט גלויבנדיק —
עס וועט אַ שלעכטע, בייזע שאָ נאָך קומען ווען.

1919

נאַכט און רעגן

טעמפּ און נאַריש
קלאַפּט דער רעגן
אויף די ברעגן
פון דיין הוט.

קאַלט און שטעכיק
פאַלן טראָפּנס
אויף די הענט.

גלאַנצנדיקע פּאַסן
וואַרפן די לאַמטערן
אויף דער גלאַטער נאַסער גאַס.

רויט געצונדן,
ווי אַן אויג מיט בלוט פאַרגאָסן,
קוקט אַ פענסטער נייגעריק
אין דער נאַכט.

טעמפּ און נאַריש
קלאַפּט דער רעגן.

רייסן זיך די אויגן,
דיינע אויגן צו דעם פענסטער.

גלייך ווי דאָרטן
ברענט אַצינד דיין גליק.

קאַלט און שטעכיק
פאַלן טראָפּנס.

1919

דיינע אויגן

מיט פֿאַרצייאונג קוקן דיינע אויגן
ווייך און מילד.
נאָר די נעגל שאַרף און ווילד,
זיינען גרייט מיין אָרים האַרץ צערייסן.
ווייסטו כאָטש ווי איך וואָלט דיך געליבט,
ווען עס וואָלטן דיינע אויגן אויף מיר קוקן:
קאַלט און בייז,
נאָר אין האַרצן זאָלסטו מיך ליבן הייס,
ווי אַ מאַמע הייס.

1918

אַדאָלינאַ

אַ מיזראַך־ווינט האָט מיינע רויזן הײַנט צעבראָקלט,
מיין ליבע אַדאָלינאַ.
איך האָב געזוען די ראָזע בלעטלאַך
צו אַלע עקן פון דער וועלט זיך טראָגן,
מיין קליינע אַדאָלינאַ.

פאַרוואָס האָב איך ניט נעכטן
פאַר דיר — מיין אַדאָלינאַ ? פאַר דיר זיי אָפּגעריסן,
דו קושסט דאָך מיינע רויזן
נאָך ליבלאַכער פון מיך —
דו שלעכטע אַדאָלינאַ.

1919

אין אַ דאָקטאָרס וואַרט-צימער

אָנגעשפּאַרט
אויף די ביינערדיקע הענט,
אַ פאַרהילטער
מיט דער בלייכקייט פון דעם טויט,
דרימלט איינער.
און אַ צווייטער
בייסט די בלויע נעפּלדיקע ליפּן.

פון אַ ווינקל —
טיפע, מידע בליקן
זיך פאַרלירן
אין דער גרויער לופט פון צימער,
זוכנדיק אַ ווייטקייט.

רויטע פלעקן אויפן דיל,
רונדע, פריש פאַרקילטע.
קריצן צייכנס בלוטיקע
פון אַן אפּגעשוואַכטן לעבן.

שטיל און גרוי.
גרוי און שטיל.
אין דעם טרויעריקן שווייגן
שפּיגלט אָפּ אין זיך די לופט
די באַגלייטונג פון אַ טויטן
צו זיין רו.

1919

איך האָב געטראַכט

איך האָב געטראַכט:
ווער ווייסט,
עס קאָן אַמאָל נאָך ווי די שטערן לויכטן,
ווי ווינטן פריי זיין,
ווי נעכט געהיימניספול —
דער גאַנג פון מיינע טעג.

האָב איך זיפצן פון אַ מוטער
אויף יעדן טראָט געהערט:
די ליפּן פון אַ שוועסטער
אויף מיינע הענט דערפילט;
דאָס וויינען פון אַ קינד,
וואָס וויל דורך מיר געבוירן ווערן
אין מיינע אָדערן דערשפּירט.
און ס'האָבן מיינע הענט און פיס
געצויגן מיך זיך צו דער ערד,
די אויגן דעקלאָך,
זיך שווער אַראָפּגעלאָזן,
און מיינע ליפּן האָבן
פאַר שמערץ געמורמלט:
„איך
בין
אַ פאַרלאָרענער אויף אייביק".

1919

צוויי לידער

1

מיט רויך־קאַלירטע ליפּן
האָט דער באַגינען צוגערירט זיך
צו דיינע אויגן־דעקלאַך.
איז פרעמד דיין שלאָף געוואָרן
דיין אומרואיקן בלוט.

דער טאָג קומט קאַלט און ווינטיק,
און ווייט מיט טרויער.
ער וועט דיין לייב צוזאַמענקאַרטשען
אין ווינקל,
וואו אימער לאַנגווייליק און שטום
די סאָפע נורעט זיך אין שוואַרצקייט.

ווען דו זאָלסט וויסן...
ווען דו זאָלסט וויסן,
אַז דאָס האָב איך די גאַנצע נאַכט
אין קינדערשן געבעט
דעם טאָג אַזוי געשיקט צו דיר,
ער זאָל דיין שטילסטן פולס־שלאָג
דיין דינסטן נערוון־ציטער
צו זעלבסט באַדויערונג באַוועגן.

און זאָל דיין טרויער, דער איינטאָניקער,
אויף אימער אָפּווישן דעם שפּאָט,

וואָס שפּרייט זיך אָפּט אויף דיינע ליפּן
פּאָר אומגליק-ליבנדע,
און רייצט זיך אָפּט מיט דעם,
וואָס טרינקט בעכערס-פול
געדולדיק
דעם טרויער
פון זיינע יאָרן.

2

שוין לאַנג, שוין לאַנג, אַז איך האָב ניט געטראָגן
די רויטע ציטערדיקע גלאַטקייט
פון דיינע ליפּן
אויף מיינע.

שוין לאַנג, שוין לאַנג, אַז איך האָב ניט פאַרגראָבן
מיין היים געזיכט
אין דיינע הענט,
אַז מיך האָט ניט געשטיקט
די פייכטע וואַרימקייט
פון דיינע פינגער.

איצט ווייס איך שוין פאַרוואָס
איך האָב אין נעכט פון מיין אומרואיקייט געפילט
איך האָב אין שלאָף געהערט:
אַ שאָטן —
דיין טויטקייט שאַרט זיך אום
אין מיינע אָדערן...

1919

אין טעאַטער

אַ פֿאַנטאַסטיש־רויטע טונקלקייט
אין טעאַטער גליטשט זיך אום,
און אַ טונקל־רויטע שיין
רוט אויף די געזיכטער,
גליט אין יעדנס אויגן.

קרעכצנדיק און שווער
דער אַסבעסטאָס־פֿאָרהאַנג
צו דער סטעליע קריכט,
און אַ צווייטער באַלד נאָך אים
שוועבט אַרויף.

נאַכט ווערט אין טעאַטער.
אין דער פֿינסטער
אין אַ צויבער־ראַם
טראָגן אום זיך
ליכטיקע געשטאַלטן,
און זיי פֿלעכטן זיך צוזאַמען
אין איין שמערצפֿול־ליבן כאַלעם
פֿאַר די אויגן.

1918

אין ראָג

אין ראָג פון גאַס —
צוויי שפּיצן פון אַ קלויסטער
זיך הויבן ווי צוויי שפּיזן
דעם הימל דורכצושטעכן.
און אונטערטעניק ליגט אַ פּאַרק
צעשפּרייט צו זייערע פיס.

אַ בוימל דאָ, אַ בוימל דאָרט,
בויגט נידעריק, פאַרדאַרטע צווייגלאַך
און מורמלען אָפּט פאַר שרעק
אַזוי, אַז קיינער זאָל ניט הערן.

צוויי שפּיצן פון אַ קלויסטער
זיך הויבן ווי צוויי שפּיזן —
דעם הימל דורכצושטעכן . . .

1918

אין סאָבוויי

אַ גראָבער שמייכל
און וואַסערדיקע אויגן
באַשטראַלן זיך מיט ליכט,
פאַרדייען גלייכגילטיק דאָס רוישן
פון דעם סאָבוויי.

אָרום,
אויף ברודנע הענט
און קויטיקע געזיכטער,
פאַרזיגלט איז די זעל
פון גאַס און שטאָט.

געבענשט איז דער —
און עפשער גאָר פאַרשאָלטן —
וואָס קאָן זיך שמייכלען
געלאַסן, גראָב,
אין דעם סאָבוויי,
און קוקן
אויף דעם וואָס שפיגלט אָפּ די זעל
פון גאַס און שטאָט.

1920

ניו יאָרקער קעץ

זיי ראַיען זיך אין מיסט, אין טיפע קעלערס,
און דורך די נעכט אַלץ ראָמאַנסירן.
נאָר אָפט באַוויינען זיי דאָס ביטער לעבן,
וואָס זיי איז דאָ באַשערט צו פירן.

ביי איינער אָפּגעשאָבן איז דער רוקן,
דער קאָפּ פאַרבלוטיקט ביי אַ צווייטער.
אַ גליקלאַכער איז שוין אַ שוואַרצער קאָטער,
וואָס ליגט אין מיטן גאַס אַ טויטער.

ניין לעבנס יעדע האָט אין קאָן צו שטעלן.
איז שווער פון זיי זיך צו באַפרייען,
דען ביז אַ קאָץ וועט לעבנס ניין פאַרלירן,
קאָן איך די גאַל ביז דאַן אויסשפּייען.

1919

מיין זוניקער טרויער

גלויבט קיינעם ניט וואָס זינגט ביי אייך,
גלויבט קיינעם.
נאָר איך וועל אייך אַמאָל נאָך ברענגען
דאָס ליד פון זוניקן טרויער.

מיין פאָטער האָט דעם ווילדן באַמבוס אויסגעהאַקט,
די ווייסע טויבן אויסגעקוילעט.

וואו וועט זיין דער שאָטן פון מיין רו?
וועמען וועל איך טרייבן
דעם הימל צו באַצירן?

פון היינט אָן —
וועל איך מוזן מיט דער זון יעדן טאָג זיך טרעפן.
יעדן טאָג
וועט זי מיר אַריינקוקן אין די אויגן,
ביז איך וועל אין מיין ברוסט אויסוואַרעמען:
דאָס ליד פאַר קינדער,
דאָס ליד פאַר בענקענדע נאַראַנים,
דאָס ליד פאַר אייך —
מיין ליד פון זוניקן טרויער.

1921

אָקטאָבער

ערטערווייז:
מיט אַ ווייסן שוים
איז דער הימל צוגעדעקט.
ערטערווייז:
שטראַלט אַ בלוילאַכקייט אַרוים.
נאָר דער פּאַרק
איינגעוויקלט איז אין זשאַווער
און די ביימער וויגן זיך און וויגן זיך
אין דער נאַקעטקייט
פון אָקטאָבער.

1919

אויטאָפּאָרטרעט

מיך האָט צום שפּיגל צוגעצויגן
צוויי טונקל ברוינע אויגן,
אַ בלייך געזיכט,
צוויי ליפּן גראָב, און ברייט
צעשפּרייט,
אַ קאָפּ געדיכטע האָר,
אַ רוקן אויסגעבויגן,
וואָס טראָגט אויף זיך די לאַסט
פון צוויי־און־צוואַנציק יאָר.

1919

געפונענע פערזן

אָ, איך ווייס...

אָ, איך ווייס אַז איר וועט זוכן,
איר וועט זוכן און געפינען —
דאָ אַ נאַריש וואָרט בּאַ מיר,
דאָ אַ פּראָסטיק קאַלטע טרער.

ווער פון אייך וועט אָבער וויסן,
ווער וועט וויסן און וועט גלויבן,
אַז דאָס וואָרט דאַרף זיין דאָרט נאַריש,
פּראָסטיק קאַלט דאַרף זיין די טרער.

אָ, איך ווייס אַז איר וועט לאַכן
איר וועט לאַכן, און וועט שפּעטן
פון דעם טרויער, פון דעם וויינען,
וואָס בּאַווייזט זיך אין מיין ליד.

ווער פון אייך וועט דאָך געדענקען
וועט דערמאָנען זיך און זען —
אייבּיק וואַכט אין אונז דער טרויער
ליבּ און אייבּיק ווי דאָס ליד.

אומשטערבלאַכקייט...

איך האָב מיין נאָמען אָנגעשריבן אויף אַ וואַנט,
און קיינער ווייסט ניט,
אַז בלייבן וועט מיין נאָמען דאָ נאָך מיר.
וועט אימיצער מיך ווען באַדויערן,
און צושאָקלען אויף מיר מיטן קאָפּ,
און זאָגן:
„דו ביזט ניט מער ווי אַ בלאַט וואָס פאַלט פון בוים אַראָפּ,
און ווערסט צו מיסט“.
וועל איך נאָר שטום אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט,
און טראַכטן:
אומזיסט דיין וואָרט, אומזיסט,
עס וועט מיין גליק דאָך ניט צעשטערן.
ווייל קיינער ווייסט ניט —
איך האָב מיין נאָמען אָנגעשריבן אויף אַ וואַנט...

מיין זעל . . .

אויף הייליקע ערטער צווישן די קוואָרים
וועסט דאָרטן געפינען נעשאָמעס פאַרבענקטע
ווי דו, מיין זעל, ווי דו.
ווי בעטלער זיי קריגן אָפּט בלומען געשאָנקען,
דאָך בלייבן זיי איינזאַם, פאַרלאָזן און אָרים,
ווי דו, מיין זעל, ווי דו.

דו וועסט אָף מיין קייווער אַן עלנדע שוועבן,
און בעטן מע זאָל מיר אַ בלימעלע שענקען,
ווי זיי, מיין זעל, ווי זיי.
ווייל קיינער וועט אונז שוין לאַנג ניט געדענקען,
מיר זיינען געוועזן נאָך פאַרגעסן ביים לעבן,
ווי זיי, מיין זעל, ווי זיי...

שטיינער . . .

שטיינער פון דער גאַנצער וועלט
האָבן זיך צענויפגעקליבן
אַף מיין וועג.
האָב אין וועג זיך אָפּגעשטעלט
און אַזוי בין איך פאַרבליבן
אַף איין אָרט.

שטיינער פון דער גאַנצער וועלט
ווען מיך ניט לאָזן גיין
אַף מיין וועג.
איז דער וועג פאַר מיר פאַרשטעלט,
וועל איך אייביק שוין דאָ שטיין
אַף איין אָרט.

מיין שטעטל

1

אויסגעטראָטן
איז דער וועג
נעכט פֿאַרשווינדן,
קומען טעג.

גייט די זון אויף
און פֿאַרגייט,
איבער געסלאַך
שמאָל און ברייט.

איבער שטיבלאַך,
גרויס און קליין
איבער וועלדער,
וואונדער־שיין.

דאָ אַ בערגל,
דאָ אַ טאָל,
און אַ טייכל
ווי קרישטאָל.

פֿליסט און מורמלט
אויפֿן וועג
ביי אַ זאַמדיק
געלן ברעג.

און אַ וועג איז
אויף פאַראַן,
וואו דעם בעטלערס
מידער שפּאַן

צו דעם שטעטל
שלעפּט זיך צו
צו געפינען
דאָרט אַ רו.

און אַמאָל אויף
ביי אַ הויז
אויף אַ גראָשן
בעט ער אויס.

צי אַ שטיקל
דאַרע ברויט —
צי אַ קייוועך
נאָך זיין טויט.

גיט אַ ווינט זיך
אָפּט אַ הויב
פאַלן בלעטער,
טראָגט זיך שטויב.

זומער — רעגן,
ווינטער — שניי,

סימכעס, פריידן,
ליידן, ווי.

קיינער, קיינער
ווערט ערשטוינט,
יעדער איז שוין
צוגעוואוינט —

צו דעם שטעטלס
אַלטן וועג —
נעכט פֿאַרשווינדן,
קומען טעג.

2

אַ בעסמעדרעש,
און אַ שול,
נאָר אין שאַבעס
זענען פֿול.

אין די וואָך־טעג
קוים מיט מי
צוויי מיניאָנים
אין דער פֿרי.

פֿון באַגינען
אויפֿן מאַרק,

יעדער איינער
מישט זיך שטאַרק.

ניט געוואָרן
וואָלט מען מיד,
טאָג נאָך טאָג
זאָל זיין יאַריד.

לויפט איעדער
פרי אַרוים,
קוקט די אויגן
זיך אַרוים.

דאָ אַ גויע,
דאָרט אַ גוי,
זי טראָגט הינער,
ער פירט שטרוי.

דער אַנטלויפט שוין,
און דער רופט.
האַנדל, האַנדל
אין דער לופט.

ווערט אַ קריג וואו,
אַ געשלעג,
נאָך אַ גאַנעוו
אַ געיעג.

דרייט דער גאַנעוו
זיך אַרוים,
מיט אַ קאַוואַן,
רונד און גרויס,

צו דעם טייכל
ביי דער מיל,
דאָרטן טוט ער
וואָס ער וויל.

מאַכט אַ סודע,
זיך אַליין
און ער כראַמטשעט
מיט די ציין.

פּאַרט אַ פויער
וואו צוריק,
און זיין פּנים
שיינט פאַר גליק.

אויסגעדונגען,
און פאַרקויפט,
און נאָך בראַנפן
זיך געקויפט.

האַנדל, האַנדל,
אימיץ שרייט —

און אַזוי זיך
פליט די צייט.

אויסגעטראָטן
איז דער וועג,
נעכט פאַרשווינדן,
קומען טעג.

3

קליינע שטיבלאַך,
ברייט די גאַס,
אימער בלאָטיק,
אימער נאַס.

אויפן עק גאַס
אונזער הויז;
ברייטע אַלקערס,
לאַנג און גרויס.

ווי ערשט נעכטן
איך געדענק:
לאַנגע טישן,
לאַנגע בענק.

זיצן גויאים
ביי אַ טיש;

טרינקען בראנפן,
עסן פיש,

פיפקען ליולקעס,
רעדן הויך,
גרוי אין שטוב איז,
פול מיט רויך.

און אַ שוועסטער
בלייך און שטום,
ביי די פענסטער
דרייט זיך אום,

קוקט אין דרויסן,
בליקט צום מאַרק,
און דאָס האַרץ אירס
שרעקט זיך שטאַרק.

קומט פון ווייטנס
אַ מונדיר —
לויפט זי צו באַלד
צו דער טיר,

בעט מען יעדן
שטילער זיין —
און מיט שרעק זי
קוקט זיך איין.

דריי, פיר קינדער
אימער צו
דרייען אום זיך
וואו ניט וואו,

אויסגעהונגערט,
און פאַרשמאַכט,
וואַרטן — קומען
זאָל שוין נאַכט.

און אַזוי זיך,
פול מיט שרעק
קריכן שטונדן —
טעג אַוועק.

אַלטע, גרויע,
זעלטן ניי —
פליען יאָרן
גיך פאַרביי.

קיינער, קיינער,
ווערט ערשטוינט
יעדער איז שוין
צוגעוואוינט.

נעכט פֿאַרגייען —
קומען טעג,
אויף דעם שטעטלס
אַלטן וועג.

דער בעכער

מיט גיפט איז אָנגעפילט דער בעכער,
ער שטייט און פינקלט פאַר די אויגן.
דאָס האַרץ זיך שרעקט, מען דאַרף נישט טרינקען,
דאָס מויל האָט זיך צו אים געצויגן.

צעבראָכן וואַלגערט זיך דער בעכער,
דער גיפט איז לאַנג שוין אויסגעטרונקען,
דאָס האַרץ נאָך קלאַפּט, עס ווילט זיך לעבן.
דער קערפּער האָט צו דר׳ערד געזונקען.

אין אַ ווּיסטע.

אין אַ ווּיסטע פֿאַלט מיין שאָטן,
אין אַ מידבאַר מיינע טריט.
גייט ניט קיינער אין דער ווּיסטע,
זעט ניט קיינער מיינע טריט.

אין אַ ווּיסטע פֿאַלט מיין שאָטן,
מיינע טריט אַף זאַמד, וואָס גליט.
דעקט אַ כמאַרע צו מיין שאָטן,
און אַ ווינט פֿאַרווישט די טריט.

אַ גאַנצע נאַכט

1

אַ גאַנצע נאַכט בין איך ביים פענסטער
שטיל געזעסן און געוואַרט,
עפּשער וועט פון ערגעץ וואו
די שוואַרצע שטילקייט מיר אויס מיטלייד
ברענגען פּיצלאַך, ברעקלאַך רו.

2

איך וואָלט אין האַרצן זיי באַהאַלטן
ווי אַ טייער ליב געשאַנק,
אָפּגעקילט מיין הייסע בלוט
און רואיק וואָלט איך דאַן געשלאָפן —
נאָך אַ שטילער רו־מינוט.

3

אַ גאַנצע נאַכט בין איך ביים פענסטער
שטיל געזעסן און געוואַרט.
פּיבריש האָט מיין האַרץ געברענט,
געשלאָסן האָבן זיך די אויגן
פון אַ מאָרגן שטראַל פאַרבלענדט.

שטילערהייט...

שטילערהייט זאָגט אייער וואָרט.
קיינער זאָל ניט הערן.
זאָל וואָס הייליק איז ביי אײַך
דאָ צו שאַנד ניט ווערן.

שלעכטע מענשן, בייזער שפּאָט,
קאָנען אַלץ צעשטערן.
שטילער, שטילער זאָגט דאָס וואָרט —
קיינער זאָל ניט הערן.

איז קיל דער אָוונט

איז קיל דער אוונט,
בין איך אַ שטילער צו דעם טייך געגאַנגען,
און דו, האָסט מיינע טריט באַוואַכט.
איך האָב דאָך ליב דעם טייך אין קילן אוונט
נאָר דו, האָסט אַנדערש וואָס געטראַכט.

אומזיסט, מיין שוועסטער,
אומזיסט פאַרצווייפלט זוכן דיינע אויגן,
צי איז דאָס וואַסער טיף אַצינד.
דער טייך איז טיף — נאָר איך — איך וועל נאָך לעבן.
אומזיסט דיין שרעק. אומזיסט. דו קינד...

מיט יעדן האָב איך זיך צעקריגט...

מיט יעדן האָב איך זיך צעקריגט.
אַהיים אַוועק, פאַרריגלט פעסט די טיר.
זאָל קיינעמס פוס ניט קומען מער,
און קיינעמס אויג ניט קוקן בייז אַף מיר.

געבליבן ליידיק איז מיין בעט.
איך טו דערמיט דאָך קיינעם גאָרניט ווי,
וואָס לייגן וועל איך זיך אַף דר'ערד.
פאַרוואָס אַף דר'ערד? — ווייל מיר געפעלט אַזוי.

געהערט האָב איך ווי אימיץ איז
צום פענסטער צו און קלאַפּט אין שויב מיר אָן.
געהערט און דאָך געלעגן שטיל,
ווייל כ'האָב מיט קיינעם, קיינעם מער צו טאָן.

אַ כאַלעם

אַ גאַנצע נאַכט האָט מיר געכאַלעמט זיך אַ טויטער
מיט טיפֿע אויגן און פֿאַרגעלטע ציין,
אַ גאַנצע נאַכט האָב איך געהערט ווי מוטערס וויינען,
אַ גאַנצע נאַכט געהערט אַ קינדס געוויין.

מיט בלייכע הענט, און לאַנגע ציטערדיקע פֿינגער
האָט ווער געטאַפּט, געגלעט זיין געל געזיכט.
אַ גאַנצע נאַכט געשאָקלט און געוויגט זיך ווי אַ שאָטן
ביים טונקעלן שיין פֿון רויכערדיקע ליכט.

דעם גאַנצן טאָג האָב איך דערנאָך געזוכט, געוואַנדלט,
געוואוסט האָב איך, היינט איז געשטאָרבן ווער.
אומזיסט האָב איך געזוכט מיין אָול אין אַ שטוב וואו,
אומזיסט געזוכט אין וועמענס אויג אַ טרער.

געזען האָב איך נאָר ווי געלע בלעטער פֿאַלן,
און ווי דער ווינט דעם געלן שטויב אויף וועגן טראַגט.
האָב איך דערפֿילט, דאָס איז דער זומער היינט געשטאָרבן,
און איך האָב אים אין כאַלעם בלויז באַקלאָגט.

סאָנעט

ליג איך אויף דער סאָפע אויסגעצויגן.
אויבן שפּאַנט ווער אום מיט שטילע קורצע טריט,
ליג איך מיר אַזוי און קוק אַף דעם סופיט
מיט צעעפנטע, פאַרגלייזטע אויגן.

ניט איין שאָ איז שוין אַזוי פאַרפלויגן,
און צערייצט ביז וואַנזין ווערט אַלץ מיין געמיט,
ווילט זיך מיר אַ שפּרונג טאָן אויף דער צייט, וואָס פליט,
און מיט די ליפּן דורשטיקע זי זויגן.

ווען זאָל איך אַרום איר מיין פּאַוואַטין, ..
און דערנאָך ווי אַ געניטער זשעדנער שפּין
קריגן פון מיין פאַנג, וואָס כ׳וועל באַגערן.

שפּעטער וועט פון מיר דאָך גאָרניט ווערן,
זאָל איך יעצט זיך אָנטרינקען מיט פרעמדן פּיין
פאַר די טעג, וואָס נאָכן טויט וועל איך ניט זיין.

איינזאַמקייט

אויגן ווי גליענדע קוילן,
ליפּן פאַרפרעסטע און שטום —
שטיל אין דער שטילקייט פון צימער
שפּאַנט אימיץ אום.

הענט אויסגעשטרעקטע צום הימל,
אַנגסטלאַך פאַרריסן דער קאָפּ —
שטיל אין דער שטילקייט פון צימער
שטעלט אימיץ זיך אָפּ.

שאָטנס ווי נאַכט שוואַרצע פליגלען,
פרידן פון בענקשאַפט צעשטערט —
שטיל אין דער שטילקייט פון צימער
פאַלט אימיץ אויף דער ערד...

טפילעס פון קיינעם דערהערטע,
פערזן פון קיינעם געלייענט —
שטיל אין דער שטילקייט פון צימער
האָט אימיץ געוויינט.

קלאַפּן די סעקונדן

קלאַפּן די סעקונדן
שטיל און מאָנאָטאָן;
שאָטנס ווערן לענגער
און די נאַכט קומט אָן.

פֿליען די מינוטן
מיט דעם טאָג פֿאַרגיין;
ענגער ווערט אין צימער
מיר צו זיין אַליין.

אין אַ שטילן ווינקל,
נורע איך זיך איין
וואַרט אין שווערן אומעט
וואָס דערנאָך וועט זיין.

מיט פרייד געאָרמט

מיט פרייד געאָרמט
דרייט היינט די וועלט זיך אום
פאַר מיינע אויגן,
און מיר איז טרויערדיק,
און עפּשער איז די וועלט היינט פריילאַך,
ווייל מיר איז טרויערדיק. ..

אָט היינט וואָלט איך אַנטלאָפן ערגעץ וואו,
וואוהין?
ווער ווייס וואוהין?
צי איז אַ ווינקל דען פאַראַן
וואָס ליגט ניט אין דער וועלט?

זיצן זיי...

זיצן זיי און שמייכלען פויל,
רעדן וועגן מיר;
בלאָנדזשען מיינע בליקן אום
קוקן אויף דער טיר.

איינער שרייט וואָס אין דער הויך,
הער איך ניט קיין וואָרט,
ווי אַ פרעמדער בין איך דאָ
זיץ קוים אויף מיין אָרט.

וואָס מיך האָט אהער געבראַכט,
ווייס איך ניט אליין —
שווער איז מיר צו בלייבן דאָ
שווער אַוועקצוגיין.

ווי אַ בלינדער . . .

ווי אַ בלינדער גייסטו אום אויף וועגן,
איז פרעמד דיין האַרץ צום בליק פון פיין.
זעסט ווי די גלידער דיינע ברענען
און מורמלסט: וואָס וועט זיין?

ריים אַראָפּ דעם טוך פון דיינע אויגן,
צערייס, צעפליק אים מיט די הענט,
גיי אָן שרעק דעם פייער-זייל אַנטקעגן
און זע: דו וועסט פאַרברענט.

גוטע נאַכט

גוטע נאַכט דיר, בלייכע שטילקייט,
לעוואָנע שיין, אַ גוטע נאַכט.
איצטער ווער איך מיד און מידער,
מיינע אויגן האַלב פאַרמאַכט.

אויף די בערג, די אָדלערס דרימלען,
און דער טאָל אין נאַכט־וויג רוט,
נאָר אין מיר האָט שטיל געקלאַפּט ווער
און געשפּילט זיך מיט מיין בלוט.

נאָר מיין טראָט האָט אומגעשאַרט זיך
אויף דעם שאָטנדיקן וועג,
און פאַרלאָרן זיך אין נאַכט־שיין
פון דעם שאָטנדיקן וועג.

איצטער ווערט מיין קאָפּ שוין שווערער
מיינע אויגן האַלב פאַרמאַכט.
גוטע נאַכט דיר, בלייכע שטילקייט,
לעוואָנע־שיין, אַ גוטע נאַכט.

מיינע אויגן צוגעמאַכט

מיינע אויגן צוגעמאַכט,
ליג איך אויף דער ערד,
מאַך זיי גלויבן איך בין טויט —
און זיך צוגעהערט.

שטייען מענשן אַרום מיר,
רעדן אין דער שטיל —
געניצט אימיץ פויל אַרוים:
„פרעגט אים וואָס ער וויל״...

גייט צו איינער, רירט מיך אָן
רעדט צו מיר אַ וואָרט —
האַלט איך טיף דעם אָטעם איין
ריר זיך ניט פון אָרט.

קוקט אַ צווייטער מיט פאַרדאַכט,
פּרואווט צי איך בין טויט —
שטעכט ער מיט אַ טשוואָק מיין לייב
און ער קנייפּט מיין הויט.

קומט אַ דריטער, גיט ער מיך
מיט זיין פוס אַ שאַר —
און אַ פערטער לאַכט זיך אוים!
„טויט איז נאָך אַ נאַר״.

אין די טונקעלע שטונדן

אין די טונקעלע שטונדן
בלייבן מיר אין הויז —
זיינען ליכט געצונדן
אין די טונקעלע שטונדן.

פון דעם גרויען הימל
שוועבט צו אונז אַ נאַכט,
און אַ ליבער דרימל
פון דעם גרויען הימל.

העל זיך רויטלען וואונדן
דעם וואָס גייט אין וועג.
אין די טונקעלע שטונדן
העל זיך רויטלען וואונדן.

וואוהין ?

ווי די נאָנעם
טויט און צניעדיק,
רוען שטיבלאַך
אין דעם טאָל.
שוואַרץ די דעכער,
ווייס און נידעריק די ווענט.

און אַרום,
אויף די בערג,
כוואַליעט זיך אַ גרינער יאַם,
כוואַליעט זיך און פּלאַטערט.

פירט אַ סטעזשקע אין דער הויך.
שרעקט דאָס לעבן אויף די בערג.
זאַמדיק איז דער וועג צום טאָל
זיינען טויט די שטיבלאַך.

מיין טאָג

דאָס לויפנדיקע וואַסער איז היינט מוטנע אין קאַנאַל,
דאָס הויכע גראָז ביי זיינע זייטן ציטערט, פלאַטערט.
מיין טאָג געווען איז מוטנע, ווי דאָס וואַסער אין קאַנאַל.
דעם טאָג האָט היינט מיין לעבנס-מוט, פאַרשלאָפט פאַר-
מאַטערט.

איך פיל ווי מיינע פיס זיי זינקען, צו דער ערד איך פאַל,
און נידעריקער פון דעם גראָז, וועל איך באַלד ווערן.
מיין טאָג געווען איז מוטנע, ווי דאָס וואַסער אין קאַנאַל.
דער טאָג האָט היינט זיין דורשט געשטילט מיט מיינע
טרערן.

דיינע ווערטער...

ווי אַ נעפּל — מיסטיש גרוי
איז אויף מיר געפֿאַלן
יעדער קלאַנג פֿון דיינע ווערטער.

איך האָב זיי פֿאַרנומען
און דאָך ניט פֿאַרשטאַנען.

ווי אַ נעפּל — מיסטיש גרוי
זיינען זיי
פֿון דיין מויל געקומען.

אין שטויב פון שטאָט

אין שטויב פון שטאָט
בלאָזט קיין פרישער ווינט —
ראָמאַנסירן קעץ,
שלאָגן זיך מיט הינט.
אין דעם שטויב פון שטאָט
הענגט אַ גרויע נעץ,
קריכן קינדער אום
שלאָגן, רייסן זיך,
ווערן באַלד דערשטיקט
אין דער גרויער נעץ —
אין דעם שטויב פון שטאָט.

אין האַמאַק

רויט די לעצטע שטראַלן,
בליקן ווי פֿאַרשעמטע דורך די צווייגן
וויגן זיך און וויגן
אין דער לופֿט פֿון אַ פֿאַרנאַכטיק שווייגן.

צומאַכן די אויגן
פֿילן אַזוי לייכט, פֿון גאָרניט טראַכטן.
וויגן זיך פֿאַרוויגן,
אין אַ בלויער שיין פֿון די פֿאַרנאַכטן.

דאָס טויטן בעט

(נאָך טאָמאַס הודן)

איר טיפֿן אָטעם האָבן מיר
אַ גאַנצע נאַכט באַוואַכט,
ווי אין ברוסט דער לעבנס שטראָם
באַוועגט זיך שטיל און זאַכט.

און שטיל מיר האָבן אומגעשפּאַנט
מיט רייד איר ניט געשטערט,
ווי גלייך מיר האָבן אויך מיט דעם
איר לעבנס־קראַפֿט פֿאַרמערט.

האָט האָפֿנונג אונזער שרעק גענערט,
האָט שרעק געבראַכט אַ שטראָף,
איר שלאָף האָט אונז אָן טויט דערמאָנט,
און טויט געמיינט פֿאַר שלאָף.

ווען ס'האָט דער קאַלטער נאַסער טאָג
דאָס אויג פֿאַרמאַכט ביי איר,
האָט זי דעם מאָרגן שוין געהאַט
אָן אַנדערן ווי מיר.

וואָס וועט ברענגען . . .

וואָס וועט ברענגען אונז די נאַכט ?
מאַך שוועסטער מיר צו גלויבן,
אַ צערייצטער אָסיען ווינט
וועט רייסן בייז די שויבן.

וואָס וועט געבן אונז דער טאָג ?
לאָז שוועסטער מיר צו וויסן,
ס'וועט אַ רעגן טרויערדיק
זיך אויף די שויבן גיסן . . .

ריני די שוואַרץ געפּלעקטע קאַץ

ריני די שוואַרץ געפּלעקטע קאַץ,
קענגן זון זיך וואַרעמדיק,
דיר איז גוט.

פילסטו ווי עס וועט דער טאָג
לעשן זיך אין מאַריוו, רויט
פון מיין בלוט?

און די נאַכט, די טויטע נאַכט,
וועט זיך וויקלען שאָטנדיק
אַרום מיר.

בלייכן וועלן גאַסן זיך
אין נאַכט-שוואַרצע טיפקייטן
בלויז פאַר דיר.

איז דערפאַר דער טאָג דיר גרויס,
און דו אָטעמסט איין די זון
שטיל, באַרוט . . .

יאָ, דו שוואַרץ געפּלעקטע קאַץ
קענגן זון זיך וואַרעמדיק —
דיר איז גוט . . .

זיבן ליכטלאַך ברענען . . .

זיבן ליכטלאַך ברענען אַף מיין פענסטער.
זיבן ליכטלאַך אָנגעגרייט פאַר דיר.
העלער, העלער פון די זיבן ליכטלאַך
ברענט דאָס האַרץ אין מיר.

זיבן ליכטלאַך לעשן זיך ביים פענסטער.
זיבן שאָטנס צאַנקען אַף די וואַנט.
שטילער, שטילער פון די זיבן שאָטנס,
ווערט מיין האַרץ פאַרברענט.

סאָנעט

ווי אַ פרעמדער איז דער טאָג ערשינען,
און מיט קאַלטע פינגער מיינע אויגן אָנגערירט,
האָב איך פון דעם שלאָף ערוואַכט, און באַלד אין זיך
דערשפּירט,
היינט וועל איך קיין רו שוין ניט געפינען.

טעמפּ און שווער האָט זיך געפילט אין זינען,
און דאָס לייב עס ציטערט — ווי עס וואָלט דאָס בלוט
געפרירט.
פון דער וועלט דעם טרויער האָט דער טאָג צו מיר פאַרפירט,
און מיט איינזאַמקייט מיין זעל באַשפּונען.

וועל איך ווי אַ צוגעשמיטער זיצן אָף איין אָרט,
און אַ גאַנצן טאָג צו קיינעם אויסריידן קיין וואָרט.
נאָר אין הארצן וועט אַ בענקשאַפט גליען.

מיט צונויפגעדריקטע ליפּן און אַ בלייך געזיכט,
אין אַ ווינקל שטיל און צאַנקענד ווי אַ גויסעם-ליכט,
בעטן וועל איך, כ׳זאָל ביז נאַכט דערציען.

זון און פוילקייט . . .

זון און פוילקייט האָט זיך שטיל אריינגעגאַנוועט אין מיין בלוט.
וויג איך זיך און וויג זיך — אין דעם האַמאַק שטונדן לאַנג באַרוט.
טראַכט פון גאָרניט, זע ניט איין אַז מיר איז היינט פאַרדעכטיק גוט.
זון און פוילקייט — ציט זיך מיד און שפּרייט זיך לאַנגזאַם אין מיין בלוט.

דרימלען ערגעץ מיינע וואונדן — שלאָפן וואו ווי זונען רויט.
וויג איך זיך אַן אויפגעלייזטער, וויג אין האַמאַק זיך באַרוט.
עפשער בין איך שוין געשטאָרבן — עפשער בין איך לאַנג שוין טויט —
און עס דוכט זיך זון און פוילקייט — שפּרייט זיך, ציט זיך אין מיין בלוט.

צו אַ פרעמדר ווייב

יענעם אוונט, בין איך רואיק אין טעאַטער מיר געגאַנגען,
דו — אַ קראַנקע, אין אַ פרעמדער שטוב, ביסטו געלעגן.
הונגעריק, פאַרוויינט האָט זיך דיין קינד אין וויגעלע
געוואָרפן,
און פאַרצווייפלט האָט עס ווער פון הויז געפּרואווט פאַרוויגן.

אַ פאַרוואָלקנטער, האָט זיך דיין מאַן פאַרוקט וואו אין אַ
ווינקל,
זיינע הענט פאַרבראָכן, און געקוקט אַזוי פאַרלאָרן.
מיט אַ ווייב אַ קראַנקער איז זיין קורצער לעבן אַ פאַר-
שפּילטער,
און געשאָלטן האָט ער בייז דעם טאָג פון דיין געבוירן.

יענעם אָוונט בין איך רואיק אין טעאַטער מיר געזעסן.
אויף דער בינע האָט אַ מאַמע אויסגעוויינט די אויגן,
האָבן הענט געקלאַפּט, באַוואונדערט, ווי אַ מוטער קאָן
דאָס ליידן.
טייערע, האָסט אויך געמעגט דאָן קומען זיך פאַרנויגן.

ביי אַ טויער

ביי אַ טויער שטייט אַ מיידל,
גיי איך שעמעוודיק צו איר,
אַ צעטומלטער כ׳פּאַרנייג זיך,
בעט אַ טרונק פאַר מיר.

וואַרפט זי אויף פאַרשעמטע בליקן,
שטאַמלט וואָס און גייט צום הויז,
טראָגט פון דאָרטן אין אַ קריגל
מיר אַ טרונק אַרויס.

האָבן מיינע הענט ביים קריגל
אירע פינגער אָנגערירט,
בין איך עפּעס דרייסט געוואָרן,
אַ געשפּרעך פאַרפירט.

שפּעטער אָן דעם קרוג דערמאָנט זיך,
כ׳גיב אַ זופּ, און זאָג: „געננוג“.
קוקן אויף מיר אירע אויגן —
שמייכלענדיק און קלוג.

צי טרעפט זיך דיר אַמאָל?

צי טרעפט זיך דיר אַמאָל — ביזט ווייט פון שטאָט,
דו נעמסט אין האַנט אַ גראָבן שטעקן,
און לאָזט זיך אויף אַ ברייטן פעלד אַוועק.
אויף מײלן ווייט
איז קיינער אַכוץ דיר אין פעלד ניטאָ.
פון צייט צו צייט
דו קוקסט זיך שרעקנדיק אַרום,
און ווייסט אַליין דאָך ניט וואָרום
דו דאַרפסט זיך איצטער אין דעם פעלד גאָר שרעקן,
ווען קיינער אַכוץ דיר איז דאָ ניטאָ.

און דאָך —
ווי רייצנד איז פאַר דיר די אומבאַשטימטע שרעק.
דו שפּאַנסט —
אַלץ ווייטער, ווייטער אין דעם ברייטן פעלד אַוועק.

מיך האָבן מענשן־זין...

מיך האָבן מענשן־זין געפֿאַנגען.
די הענט פֿאַרבונדן און דאָס מויל.
דערנאָך מיט הייסע פֿייער־צונגען
פֿאַרברענט מיין האַרץ.. פֿאַרברענט אויף קויל.

און קאָן איך דען אַמאָל פֿאַרגעסן
פֿאַרגעבן זיי דעם ווילדן שפּאַס?
פֿאַרניכטעט האָט דער פּלאַם מיין ליבע.
אין קויל פֿאַרבליבן איז דער האַס...

אַ זומער פייער

היים איז אין דרויסן, און מיר צינדן פייער.
פייער אין זומער האָט אונז זיך פאַרגלוסט.
וואָלט מען געפרעגט אונז, וואָלט קיינער געוואוסט,
ווער און פאַרוואָס מען האָט פייער געצונדן.

ליגט זיך דאָרט איינער אויפן גראָז אויסגעצויגן,
וואַרפט אַ פאַרזשמורעטן בליק אין דער הויך,
זעט אין דער לופטן זיך שלענגלט דער רויך,
ווערן אים שמעלער און שמעלער די אויגן.

רויכערט אַ צווייטער זיך רואיק זיין ליולקע,
קוקט אויף זיין זייגער ווי ס'ציט זיך די צייט,
און אויף די פלאַמען ער שפּייט נאָר און שפּייט,
גלייך ער וואָלט ווען דערמיט זיי פאַרלעשן.

אונטערן נאָז ברומט דער דריטער אַ לידל,
פון אַ פאַרצווייפלטן, מיידלישן האַרץ.
קלאָגט, אַז איר לעבן איז פינסטער און שוואַרץ,
און אַז אַ באָכער האָט פאַלש איר געשוואָרן.

טראָגן זיך פונקען, און היים איז אין דרויסן.
פייער אין זומער האָט אונז זיך פאַרגלוסט . . .
וואָלט מען געפרעגט אונז, וואָלט קיינער געוואוסט,
ווער און פאַרוואָס מען האָט פייער געצונדן . . .

אין דער נאַכט

אין דער נאַכט
פֿאַלט דיין שוואַרצער קאָפּ
צו דיין ווייסער ברוסט
טיף אַראָפּ.

קראַנקערהייט
גייסט צום פענסטער צו,
קוקסט אין גאַס אַרויס,
הערסט זיך צו.

אויף דער גאַס
הילכן אָפּ די טריט
פון אַ היימלאָזן,
שווער און מיד.

ביז פאַרטאָג
שפּאַנט ער אום פאַרטראַכט,
און ער זיפצט נאָר שטיל
עך! די נאַכט...

אויף דער עלטער

פינסטער וועט אַ יעדער וועג זײַן
פֿאַר די אויגן,
מיט אַ שטעקן וועל איך שפּאַנען
אײַנגעבויגן.

בלינדערהייט וועל איך מיר קלאַפּן
מיט דעם שטעקן.
וועלן קינדער מיך דערהערן
און זיך שרעקן.

וועלן עלטערע מיך באַגעגנען
און זיך קלערן:
גאָט, באַטראַכט נאָר פֿון דעם מענטשן
וואָס קאָן ווערן.

בלויז איין טרייסט נאָך וועט מײַן אַלטע
האַרץ דערפֿרייען:
מײַנס אַ קינד וועט גאָר קיין עלטער
נישט דערזען.

טאָג און נאַכט

1

איז ניטאָ וואוהין צו גיין,
ווע̇ל איך מיר אין הויז פאַרבלייבן.
ווער זשע וועט מיין פיין פאַרטרייבן,
ווען איך ווע̇ל צו קיינעם גיין
און אַליין אין הויז פאַרבלייבן?

האָב איך היינט געציילט די שטונדן,
און געשלונגען מיינע טרערן.
וואָס־זשע וועט פון מיר שוין ווערן
יעדן טאָג צו ציילן שטונדן
און צו שלינגען הייסע טרערן?

ווע̇ל איך איינזאַם מאָרגן וואָגלען
אין די גאַסן פון באַגינען.
וואו־זשע ווע̇ל איך רו געפינען,
ווען איך ווע̇ל נאָר וואָגלען
אין די גאַסן פון באַגינען?

2

גרויע טעג, און לאַנגע שטונדן
און אין האַרצן רויטע וואונדן
וועלן ברענען, ברענען.

שוואַרצע נעכט, און טרערן שטילע —
און די ליפּן מיד אַ טפילע
וועלן מורמלען, מורמלען...

אין וואָגל - לאַנד

1

צו דעם וויַיטן וואָגל־לאַנד,
ציִען וויסט זיך אונזערע וועגן.
פרעמדע וועלן מיר דאָרט זיַין,
קיינער קומען וועט אַנטקעגן.

דאָרטן וועט די זון ווי דאָ,
אונטער מויערן פאַרגייַן.
וועט איר ראָזער אונטערגאַנג
קיינעמס אויגן ניט דערפרייַען.

דאָרטן וועט די נאַכט ווי דאָ,
ניט באַוויַיזן אירע שטערן,
נאָר אויף יעדער גאַס און ראָג,
צאַנקען וועט אַ גאַז־לאַמטערן.

און אויך דאָרטן וועט דער מענש
אין אַ שאָטן זיך פאַרוואַנדלען.
זיַין פאַרכמורעט טאָג און נאַכט,
און נאָר האַנדלען, האַנדלען, האַנדלען...

2

דורך די לאַנגע שמאָלע גאַסן,
האַלב פאַרשלאָפן שפּאַנט מען אום.
איינער קען דאָרט ניט דעם צווייטן,
יעדנס ליפּן זיינען שטום.

איינער פרעגט ניט וואו דער צווייטער,
האָט דעם שווערן טאָג פאַרבראַכט —
צי ער האָט כאָטש אַ געלעגער
אויסצורוען זיך ביינאַכט...

קומען, גייען און פאַרשווינדן,
ווי אַ שאָטן אויף דער וואַנט.
אָט אַזוי דאָרט לעבן אַלע,
אין דעם ווייטן וואָגל־לאַנד . . .

אין בענקעניש

1

דורך דעם טאָג און דער נאַכט,
טיר און פענסטער צוגעמאַכט,
הין־צוריק שפּאַן איך אום ווילד,
וואַרף נאָר בליקן אויף דיין בילד.

שטרעק איך אויס אַזוי מיין האַנט,
ריר דאָס בילד אָן אויף דער וואַנט,
פריי זיך ווי אַ קינד פאַר גליק —
און איך כאַפּ די האַנט צוריק.

גרעסער וואָלט געווען מיין פרייד,
ווען דו וואָלסט אין שוואַרצן קלייד
זיך אַראָפּגעגליטשט פון אָרט,
און גערעט צו מיר אַ וואָרט.

ווייס, ווי קליין איז מיין באַגער:
דיינס אַ וואָרט נאָר ווען איך הער —
דיינס אַ וואָרט נאָר אין דער שטיל —
דאָס איז אַלעס וואָס איך וויל.

2

ביז עס איז די זון פֿאַרגאַנגען,
האָט מיין הארץ דיך היים באַגלייט,
און מיין ליפּ האָט שטיל געמורמלט:
פֿאַר געזונטערהייט...
פֿאַר געזונטערהייט...

אויף די פעלדער, אויף די וועגן
האָט די נאַכט זיך שוואַרץ פֿאַרשפּרייט.
וואו דו ביסט און וואו וועסט בלייבן:
לעב געזונטערהייט...
לעב געזונטערהייט...

פרעמדע שטעט, און פרעמדע גאַסן,
יעדנס וואָרט מיט פרעמדקייט ווייט.
וועסטו בענקען? וועט דיך ציען?
קום געזונטערהייט...
קום געזונטערהייט...

װעגן

ס׳זײַנען שױן געװען פֿאַר אונז די װעגן אַנגעגרײט,
און מיר האָבן קעגן אונזער װילן זיך צעשײדט,
מיט דיר געגאַנגען איז דער טױט —
מיט מיר די נױט.
שלעפּ איך זיך פֿאַרמאַטערט אױף מײַן װײַטן װעג און טראַכט:
גרינגער איז פֿאַר דיר דײַן שװאַרצע, אײביק־שטילע נאַכט,
װי מיר די טעג פֿון זונען־שײַן
אין שװערן פּײַן.

... ?ווער

ווער וועט זיך דערבאַרעמען,
ווער ?
און כאָטש העלפן מורמלען שטיל :
„ס׳איז שווער, ס׳איז שווער".

וואו איז נאָך אַ לאַנד פאַראַן,
וואו ?
זאָלסט דערציִען דאָרט די טעג,
אין רו, אין רו.

ווײסט איז יעדע שטאָט און דאָרף,
ווײסט.
און עס זוכט דײַן בליק אַהײם,
אומזיסט, אומזיסט.

ווער וועט קומען כאָטש אַהער,
ווער ?
און אָפּווישן פון דעם אויג
אַ טרער, אַ טרער ?

ביי די פענסטער

שטייען מיר ביי די פענסטער,
קוקן אויף דער וועלט,
און מיר זעען גאָרניט
פון דער גרויסער וועלט.

דאָ און דאָרט אַ מויער,
אַ פאַרצאַמטע גאַס,
און אַ פּאָר געזיכטער
קרענקלאַך, מיד און בלאַס.

און ווי מיר, זיי קוקן,
זוכן וואו אַ שיין,
צו אַ העלער ווייטקייט
אין דער וועלט אריין.

איז פון וואַנט און מויער
יעדער וועג פאַרשטעלט.
זעען מיר גאָרניט
פון דער גרויסער וועלט.

געגעבן האָט . . .

געגעבן האָט אַ סטרונע שוואַך אַ ציטער.
צום לעצטן מאָל
האָט זיך אָן אָפּגעהאַקטער קלאַנג דערהערט.
אַ שטומער טרויער האָט באַדעקט די ליפּן.
קיין וואָרט געווען,
וואָס וואָלט מיט פרייד דעם האַרצנס-וויי צעשטערט.
קיין ווען וואָס זאָל טרייסטן ווי אַ מאַמע,
און פון דעם קאָפּ
מיט צאַרטע הענט אַראָפּגעשאַרט דעם שטויב,
קיין גאָט, וואָס זאָל מיט שטרייַנגע מאַכט באַפעלן:
„דו מענטשן-קינד
מיט ליבע נעם דיין טרויער צו — און גלויב!“

זונטיק-רו

1

איינגעהילט אין שוואַרצע שאָנס פון דער נאַכט
זיינען מיר געזעסן יעדער שטיל, פאַרטראַכט.
יעדער האָט זיך זיינס געטראַכט,
יעדער האָט געוועבט זיין טרוים.
בלויז אַ וויספּער פון אַ בוים
האָט די שטילקייט אָפּט געשטערט.

ס'האָט אַפילע קיינעם ניט פון אונז ערשטוינט,
ווען אַ מיידל האָט זיך פּלוצלינג גאָר צעוויינט.
איינער האָט זיך נאָך צעלאַכט,
נאָר ער האָט זיך באַלד פאַרשעמט,
יעדן האָט דאָס האַרץ געקלעמט,
יעדער האָט מיט שמערץ געטראַכט
פון דער טריבער אַרבעטס-וואָך,
פון דעם שווערן לעבנס-יאָך.

2

ערגעץ האָט אַ זייגער איינס געקלאַפּט,
געווען איז שוין דער פּאַרק פאַרלאָזן.
אַ ווינטעלע האָט זאַנפט געבלאָזן.
איינער האָט פון דער ערד זיך אויפגעכאַפּט.
באַלד האָט זיך דערהערט זיין שטים: „שוין שפּעט!
מען דאַרף אַהיים שוין פאָרן!"
ס'איז דורכגעפלויגן אין זיקאָרן
אַ פאַרשפּאַרטע שטוב . . . אַ האַרטע בעט . . .

שאָטנס האָבן שוואַרץ דעם וועג באַשפּרייט,
געשפּאַנט האָט יעדער אָן זיין ווילן.
ווי האָבנדיק איין פליכט צו ערפילן:
שילטן די וועלט געווען איז יעדער גרייט
פאַר די בייזע נעכט און גרויע טעג,
פאַר דעם האָפנונגסלאָזן לעבנס־וועג.

בין איך איצט מיט אייך

בין איך איצט מיט אייך
איינער דאָ פון אייך —
דאָך ניט אייערער.

אין די קילע אָוונטן
ווען פון דאַרע צווייגן
איר צעלייגט אַ פייער,
זיץ איך לעבן אייך,
וואַרעם זיך מיט אייך
דאָך — איך בין ניט אייערער.

אייערע טעכטער

אייערע טעכטער זיינען יונג,
בלוטיק און פול-ברוסטיק;
נאָר די אויגן זייערע
ווי ביי טויטע פערד
קוקן נאַריש און פאַרגלאָזט.

איך האָב זיי ניט פיינט,
איך האָב מיטלייד נאָר אויף זיי,
ווי אויף קראַנקע,
ווי אויף קרעציקע...

ריר איך זיי ניט אָן,
בין מיט זיי ניט נאָענט...

דעם שאָכנס הונט

ס׳ווייזט אוים
דעם שאָכנס הונט
פאַרביטערט איז דאָס לעבן —
אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך געהערט
זיין יאָמערלאַך געוויין —
וואָס וויינט דער הונט?
דאָס ווייסט דער הונט אַליין.

ס׳ווייזט אוים,
אַז עפּעס פעלט אים דאָך,
אַ כוץ דעם שטיקל פליש און הוילן ביין.

און עפשער, עפשער...
עס קאָן גאָר זיין
דאָס האָט די מעלאַנכאָלישע לעוואָנע שיין
זיין רואיקייט צעשטערט,
און ס׳האָט אין אים אַ טרויער אויפגעוואַכט,
האָט ער געקלאָגט, געוויינט די גאַנצע נאַכט.

נאַכט

נאַכט, און שטערן פינטלענדיק ווי קראַנקע אויגן:
שטילקייט, ווייכע גראָז. און שווערע מידע ביינער —
און מיין לייכטסטן לייב־ריר אַכוץ דיר — ווארט קיינער
Santa Rosa
ראָזא הייליקע...

וויפיל נעמען וועל איך קיינמאָל מער געדענקען
און געזיכטער צו פאַרגעסנהייט פאַרטרייבן.
דו, פאַרהילטע מיינע, וועסט מיט מיר שוין בלייבן
Santa Rosa
ראָזא הייליקע...

העלע טעג . . .

העלע טעג און נעכט טיף קלאָרע
הימלען ברייטע, הימלען בלויע
נאָר די שטונדן מיינע שטונדן
זיינען גרויע, גרויע, גרויע...

שטיבלאַך קליינע, פריידיק ווייסע,
פּאַלמען־הויכקייט אַנשטאָט מויער,
נאָר די אויגן מיינע אויגן,
זעען טרויער... טרויער... טרויער....

ביים האָדסאָן

רואיק פליסט דער האָדסאָן צווישן ברעגן,
און די זון אַ מילדע שטראַלט צו אים אַראָפּ.
פון אַ ברעג רייסט קרעכצנדיק אַ שיף זיך אָפּ,
און פון ווייטנס קומט אַ צווייטע איר אַנטקעגן.

ברומענדיק זיך טראָגן אין דער לופט סיגנאַלן,
פון אַ קוימען שפּאַרט אַרויס אַ שוואַרצער רויך,
ווערט די זון פאַרשטעלט, פאַרנעפּלט אין דער הויך.
אויף די ברעג און וואַסער וואַנדער־שאָטנס פאַלן.

פרילינג...

פרילינג . . . פרילינג . . . ,
מיט דעם מאַנטל אויפן אָרעם —
דען דו גלויבסט ניט, סאיז שוין פרילינג —
לאָזט זיך איבער גאַסן שפּאַנען,
קוקסט די מיידלאַך אין די אויגן,
ווי זיי בליקן האַלב פאַרשעמטע,
ווען עס ציטערן די בריסט זיי
דורך די דינע לייכטע בלוזקעס.

פרילינג... פרילינג...
טומלדיקער, רווישיקער
טראָגן זיך די פייער-לייט,
הילכיקער טראַמווייען קלינגען,
און פאַרצווייפלט קוקן מוטערס
דורך די פענסטער אויף דער גאַס.

פרילינג... פרילינג...
שטופּסט זיך דורך דעם מענשן-שטראָם.
צו אַ שטיל פאַרוואָרפן געסל,
ערגיץ אויף אַ פרעמדן גאַנעק,
זעצסט פאַרמאַטערט זיך אַנידער,
ווישט דעם שווייס אָפּ פון דעם שטערן,
און דו אָטעמסט שווער אַרויס:
„פיו!... שוין פרילינג"...

אַ שלאַנג איז שלעכטער

אַ שלאַנג איז שלעכטער נאָך פון דיר,
דאָך וועט די שלאַנג איר נאָענטסטן ניט בייסן.
און דו, — האָסט טיף דיין גיפט אין מיר אַריינגעלאָזן...

וואָס בין איך שולדיק?
צעברענט האָט זיך אין מיר דער סאָם
און דו ביזט אויך אין פלאַם,
וואָס איז פון דיינע אָדערן געקומען
אַריינגעפאַלן,
און וועדסט ווי איך אַצינד פאַרברענט.
וואָס בין איך שולדיק?...

אַ פרייער יאַם . . .

אַ פרייער יאַם, אַ זעגל שיף,
אַ גרינער ברעג פון ווייטן.
און וואַרפן זאָל אַ שטורעם־ווינט
די שיף אין אַלע זייטן.

מיין בליק זאָל זיין צום ברעג געצילט,
ניט פּרוואוונדיק זיך רעטן.
נאָר ווייל דאָס לעבן האָט קיין זין,
וויל איך פון טויט כאָטש שפּאָטן.

קומען וועט די נאַכט

קומען וועט די נאַכט אַ שוואַרצע און אַ ווילדע,
וועט ניט קיינער זען, וועט ניט קיינער הערן,
ווי איך וועל אַ שטומער קלאַפּן אין די טירן
ביז די נאַכט וועט שטאַרבן, ביז די לעצטע שטערן.

ביז דעם בלויען מאָרגן, ביז דעם טאָג דעם בלייכן,
וועט מיין טראָט זיך וואַקלען, שאַרן לעבן שוועלן,
טאַפּן אין דער פינסטער, קלאַפּן אין די טירן —
ביז דעם בלויען מאָרגן, ביז דעם טאָג דעם העלן . . .

זאָל מיין נאָמען...

זאָל מיין נאָמען זיין, ווי קיעטס, אין וואַסער אָנגעשריבן.
איר וועט מיך געדענקען און דערמאָנען נאָך מיין טויט.
ווי אַזוי וועט איר פאַרגעסן — דער וואָס טראָגט מיין
נאָמען —
האָט זיין בלוט צעשפּריצט אויף וועגן — און אַז בלוט
איז רויט.

שפּעטער — ווען די אייביקייט וועט יאָרן פיל פאַרנוצן,
העי, איר אָדלער פליגל, ניט פאַרטראָגט מיך אַזוי ווייט.
יאָרן, מיינע יאָרן, איך צעשטער איצט אייער דאָזיין
מיט פאַרנעפּלטע געדאַנקען צו אַ ווייטער צייט.

דערציילונגען

די פאָלגענדיקע דערציילונגען האָט ראובן לודוויג געשריבן אין די לעצטע עטליכע וואָכן פון זיין לעבן. לידער—די מער אינטימערע פאָרם—איז אים שוין שווער געווען צו שרייבן. ער האָט איבער זיי געאַרבעט אין דער צייט, ווען זיין גוף איז געמאַטערט געוואָרן פון אַ הונדערט־דריי־גראַדיקן פיבער. די דערציילונגען פאַרמאָגן אַסאַך כאַראַקטעריסטישס פאר׳ן דיכטער. ער האָט, אגעוו, ניט איינמאָל, נאָך אין די געזונטע יאָרן, אויסגעדריקט זיין וואונש צו שרייבן בעלעטריסטיק.

דער טויט פון דזשאַני לאָרענס

1

די זון פאַרגייט.

גליט די קייט פון ווילדע בערג אַרום דעם טאָליקן, וועסט־לאַכן שטעטל. צינדט זיך אויף זיי די מאַטע שיין פון אַ סוידעסדיקן, געהיימניספולן פורפור. שאַרפע, שפּיציקע קאַנטורן, פינזלען זיך, שניידן זיך איין אין דעם ראָזן הימל.

האָט דער קילער אוונט שוין צוגעדעקט די גליענדע איינזאַמקייט — די מידבאַר, הינטער די בערג — גאַנוועט ער זיך שטיל, מיט קעציִשע טריט, שאַרט זיך אַריין אין טאָל, שפּרייט זיך שאָטנדיק, אַרום די העלע זומערדיקע הייזער. פרישט אָפּ דאָס פאַרכאַלעשטע לעבן; און דאָס הייסע, מידע לייב פון טאָג, קילט זיך אָפּ, רוט, און וויגט זיך אויף ווערענדעס און טרעפּ, און אָטעמט איין אין זיך די שטילקייט, און אויפדער־נאַכטיקע פרישקייט.

איז שטיל, און שלעפעריק.

בלויז צו די שכיינים אַרום דזשאַני לאָרענס שטיבל, האָט זיך אַ דינער אומרו פאַרקליבן. עפּעס איז ניט גאַנץ די נאַכט אַרום זיי. עפּעס האָבן זייערע בליקן אַן אָפּשטעל אָנגעוואָרן. עפּעס פעלט פאַר זייערע דרימלענדיקע פאַרשמעלטע אויגן.

און פעלן, פעלט: דער נאַכט־נאַכטלאַכער שאָטן פון דזשאַני לאָרענס, זיך וויגנדיק אויפן שטול, אויף זיין אייגענער ווערענדע פון דעם קליינעם שטיבל. ליידיק איז דאָרט דאָס אָרט. עס פעלן אין דער געמיטלאַכער טונקלקייט פון דעם אָוונט, די

פליענדע פונקען — ביי יעדער צי פון זיין ליולקע. עס פעלט דער ווייסער פלעק, וואָס נורעט זיך און דרייט זיך אַרום אים — דער גרויסער קאָטער, ראַמעין. עס פעלט דזשאַני לאָרענס, צו דער גאַנצקייט פון דעם געסל.

און זאָל מען פרעגן: — ווער איז דזשאַני לאַרענס? — דאָס, האָט קיינער ניט געוואוסט.

קליין, שמאָל־ביינערדיק, מיט רירעוודיקע אייוורים, און ריטמישע באַוועגונגען. דאָס לעבן האָט געזונגען, אין זיין יעדן קער און בויג. און אַ קאָפּ — ווייסער, געדיכטער שניי. — פון אַ בליענדער עלטער. דאָס איבעריקע: מילדע, בלויע אויגן, און אַ יונגער, אייביקער שמייכל. אפילו די קנייטשלאַד ביי די אויגן, און די קארבן אַרום די גוטמוטיקע ליפּן, האָבן זיך איינגעשניטן און געצייכנט אויפן געזיכט — אַט דעם אייביק־יונגן שמייכל פון דזשאַני לאַרענס.

אויך אַ זון האָט ער געהאַט. וואו האָט דזשאַני לאַרענס, אַזאַ זון גענומען? ניט אַנדערש, ער איז אַמאָל אין אַ וואַלד פאַרקראָכן. אויסגעהאַקט אַ רייפן דעמב. אים אַרומגעשניטן, אויסגעטעסעט פון דעם ברוינעם שטאַם, אַט דעם אַריבער־זעקס־פוסיקן פאַרשוין מיט די לאַנגע, שווערע הענט, און ברייטע איינגעבויגענע פּלייצעס. טיף, צווישן די אַקסלען, אַ קאָפּ אַרויפגעזעצט, אויסגעשניצט אויף אים אַ נאַקעטן, ליידיקן פּאָנים, מיט אַ געל, שפּיציק בערדל און אַ ווייכן האַלב־טעמפּן שמייכל. און געזאָגט האָט ער צו אים אַזוי: — הייסן זאָלסטו, דיק... מיך זאָלסטו רופן: „פּאָפּ"... האָבן פאַר מיר דערערד־ערעץ, קוקן שטענדיק צו מיר מיט אַ שטילער, נאָכגעבנ־דער דערוואַרטונג. און — פאַרגעסן זאָלן מיר ביידע, פאַר־געסן, און קיינמאָל זיך ניט דערמאָנען: אַז אַמאָל, אין אַ קאַלטן, ווינטערדיקן ניו ענגלאַנד שטאָט — האָט אַ געשטאַלט אין אַ רייכן פוטער פון אַ וואַרעם הויז זיך אַרויסגערוקט. ווי אַ קאָשמאַר פאַרביי אונז דורכגעלאָפן, און אַנטלאָפן. אַ וועזן — וואָס וואָלט געקאָנט הייסן: — מאַמע און ווייב.

האָט דזשאַני לאַרענס געבויט פרעמדע הייזער, געאַקערט

אויף פרעמדע ראַנדזשן. און דאָס פּאַשעטע, זאַטע ברויט, האָט קיינמאָל ניט געפעלט אין זייער הויז.

און געזען האָט דזשאַני לאַרענס, אַז זיין זון, דיק איז ניט געשניטן פאַרן שטעטלדיקן לעבן. שווערע, פאַרשעמטע הייזגעז זיינע הענט ביי דעם פּראַוו פון מי און אַרבעט. אָפּגרונטן פון פרעמדקייט גראָבן זיך צווישן אים און מענשן. זיצט ער אַזוי אויס די טעג, אויף דעם האַלב-צעבראָכענעם שאָקל-שטול, אין שאָטן פון הויז. שפּאַרט זיינע לאַנגע פיס פאָרויס, פאַר זיך, ציט זיי אין דער ווייטקייט. אין גאַנצן עפּעס אַזא שווערער, אַזן אַנגעלאָדענער, דרעמלט ער אָפּ מיט האַלב-פאַרמאַכטע אויגן די שאָען פון זיין לעבן.

צייטנווייז בלויז פלעגט ער דעם דרעמל פון זיך אַראָפּ-טרייסלען. אויף זיין אַקסל פלעגט ער אויפהענגען אַ טאָרבעלע ברויט. אויפן צווייטן — אַ לאָגל וואַסער. און, מיט אַ: — זיי געזונט, פּאַפּ! — אַזוי פאַרשוואונדן ווערן הינטער די בערג אין דער מידבאַר. אַזוי, אויף עטלאַכע טעג ניט ווערן. און קומען צוריק, מיט אַ — האַלאָ, פּאַפּ! — אַ פאַרשטויבטער, אַ דורשטיקער און הונגעריקער. און צוריק געפינען זיין אָרט אויף דעם אַלטן, צעבראָכענעם שאָקל-שטול.

האָט דזשאַני לאַרענס געטראַכט: — אויף דעם יונג וועט נאָך זשאַווער וואַקסן. ער איז צו גוט פאַר דעם. ס'איז ניט זיין שולד, אַזוי איז ער געבוירן. און ער מיינט גוט — האָט ער געטראַכט, און דערטראַכט — און איינמאָל אין אַ זוניקן טאָג אַזוי געזאָגט:

— דיק, מאָרגן וועלן מיר דעם קאַטער ביי דער שכיינע, מיסעס פרעדריק, מיט קעסט באַזאָרגן, זאָל אים ניט פעלן זיין פאַרציע פלייש. און מיר, מיר וועלן אָנלאָדן אונזער אַלטע מאַשין מיט עסנוואַרג, שטעכערס און גראַבאייזנס, אַנדרייען וועלן מיר אונזער „בלעכענע קיידי" און זאָל זי אונז פירן צו די בערג, וואָס אַרום דעם „שוואַרצן טאָל וועג".

דיק האָט גאָרניט געענטפערט. בלויז זיינע הענט האָבן

זיך יאָנטעוודיק אַ וויג־געטאָן. און דער טעמפּער שמייכל, איז דאַכט זיך, ברייטער געוואָרן.

טעג און וואָכן האָבן זיך דזשאַני לאָרענס און זיין זון דיק אַרומגעשלעפּט, אַרומגעקראָכן אויף די וויסטע בערג, וואָס אַרום דעם „שוואַרצן טאָל וועג". טיפע לעכער אין דער רויער, האַר־טער ערד געגראָבן, שטיינער אָפּגעריסן פון זייער לאַנגער, דוירעס־דיקער רו. געזוכט, געבישטערט און געריצט האָט זיך מיט זיי דער בלענדנדער באָדן. זיי אונטערגעזאָגט: — דאָ גראָב, דאָ זוך. האָבן זיי געזוכט, געגראָבן. ביז איינמאָל האָט עפּעס אַ סאָד אַ גלי געטאָן פאַר זייערע אויגן; אַ סאָד, אין אַ קליי־ן לייַמיק שטיינדל. האָבן זיי דאָס יעדע אַזוי נייגעריק באַקוקט און באַטראַכט, און שווייַגנדיקערהייט זיך גענומען פלייסיקער צו בויערן, גראָבן אַ ברייטערע נאָרע. און אויסגעזען האָט די לאָר — ווי אַ פינסטער מויל — אַ מויל וואָס וועט פאַר זיי דעם סאָד אַנטפּלעקן.

ווי נאָר די שיין פון אַ קליין ליכטל האָט שוין די פינסטע־רע ווענט פון דער נאָרע באַלויכטן, אַנגעוויזן עפּעס אַ ברוינעם, גלאַנציקן אָרט, האָט דזשאַני לאָרענס אַזוי געזאָגט:

— דו, דיק, וועסט בלייבן דאָ. אַביידל וועלן מיר אויפ־שטעלן, „בלעכענע קיידי" קאָן בלייבן ביי דיר — און זוך דאָס גאָלדערנע האַרץ, פון אָט דעם גאָלדענעם אָדער. בעסער וועט זיין פאַר דיר צו בלאָנדזשען אין דער פינסטער, — און אפילו גאָרנים ניט געפינען — איידער זיך געפינען אַ פאַר־בלאָנדזשעטער אין דער ברייטער, פרעמדער ליכטיקייט.

— מיך פיר אַרונטער צוריק צום שטעטל, וועל איך הייזער העלפן בויען, ערד אַקערן, וועט אויך דאָס עסן זיין. וועט דיר עפּעס אַמאָל פעלן, קאָנסטו אין „בלעכענע קיידי" צו מיר זיך אַראָפּטרייסלען. און איך וועל אויך אַן אייזל קויפן. יעדן סאַף־כוידעש, צו דיר, אויף עטלאַכע טעג זיך אַריבער־פּעקלען.

דער גרויסער דיק האָט בלויז געזשמורעט זיינע שמאָלע

אויגן אויף זיין שמייכלענדיקן טאַטן, געקוקט אויף אים, גע־
טריי אים אויסגעהערט און — גאָרניט געענטפערט.

און אַזוי — האָט די צייט שוין עטלאַכע יאָר פאַרשלונגען
דיק זוכט דאָס האַרץ פון דעם גאָלדענעם אָדער. פאַרקריכט
ער ווייטער, טיפער אין דעם שטיינערנעם אינגעווייד פון דער
מידבאָר ערד. דזשאַני לאָרענס שיקט יעדן סאָף־כוידעש זיין
קאָטער ראָמעין אויף קעסט צו דער שכיינע מיסעס פרעדריק,
און לאָזט זיין פאַרנאַכטיק אָרט אויף דער ווערענדע אַזוי אומע־
טיק. פאַרלאָזן קוקן מיט ליידיקייט אין דער נאַכט אַריין.

האָבן שוין די שכיינים אָרום דזשאַני לאָרענסעס הויז גענומען
טירן צו פאַרשליסן. עפּעס ציטערדיק דעם שלאָף אויפגע־
נומען. געוואָלט זיך טרייסטן: — עפּשער איז דזשאַני לאָרענס
אין די בערג, צו זיין זון אוועק — פלעגט אָבער זיין אייזל —
הינטערן הויז — זיך אָפּט צעוויינען און טרויעריק זיך פאַרגיין.

2

די זון גייט אויף.

אַ מילדע ווארעמקייט גלעט דעם יונגן, פרישן פרימאָרגן.

די פעטלאַכע מיסעס פרעדריק, די נאָענטסטע שכיינע פון
דזשאַני לאָרענס, האָט זיך פויל און ניט דערשלאָפן אַראָפּגע־
כאַפּט פון איר בעט, זיך עפּעס דערמאָנט און זיך געוואונדערט
וואָס דער קאָטער ראָמעין דראַפּעט ניט און קראַצט ניט איר
טיר מאָנענדיק דאָס, וואָס אים קומט ביי איר. איז זי האַלב־
נאַקעט צום פענסטער צוגעגאַנגען, אַרויסגעקוקט: געזען ווי
דזשאַני לאָרענסעס אייזל שטייט אַזוי אומרואיק, מיט אומגעדול־
דיקע פיס — האָט זי זיך אָנגעשטויסן: — עפּעס איז דאָ אָרום
דזשאַני לאָרענס, ניט ווי אַלעמאָל. מ'דאַרף אַ קוק טאָן.

אין דעם זעלבן פרימאָרגן האָט דיק אַראָפּגעוואָרפן זיינע
לאַנגע באַשטיוולטע פיס פון דעם האַרטן געלעגער. איז ער גע־
בליבן אַ ווײַלע זיצן אויפן בעטל. קענטיק, עפּעס איז אים
געקראָכן אין זינען, האָט ער געריבן די אויגן אין פאַרוואונדע־
רונג, דערנאָך זיך אויפגעהויבן, פון ביידל אַרויס, שאַרף און

ניינעריק געוואָרפן צעטומלטע בליקן, אויף דעם פאָרדרייטן. „שוואַרצן טאָל וועג" מיט אַ פולער האַנט יעדע ווײַלע דעם קאָפּ געקראַצט און נאָר געמרוקעט האַלבע אָפּגעהאַקטע ווערטער:
— וואָס איז דאָס פאַר אַ!.. וואָס איז דאָס פאַר אַ!.. אוי פאַרשטאַנען: — מען דאַרף צום שטעטל זיך אַרונטערלאָזן.

נידעריק, ברייט און ראַכוועסדיק האָט זיך שוין די זון צעגאָסן, ווען דיק, אַ פאַרשוויצטער, אַ צעפּאַרעטער האָט אָפּגעשטעלט „בלעכענע קיידי" ביי זיין טאַטנס שטיבל. האָט ער דערזען, ווי פרעמדע מענשן דרייען זיך אַרום ווי שאָטנס. אין און אַרום זיין טאַטנס הויז. רעדן עפּעס אַזוי שטיל, סוידען זיך, איז זיין ליב ווי אַ שווערער באַרג אים געוואָרן. און ניט געקאָנט זיך פון אָרט רירן. — וואָס ווילן אָט די מענשן? וואָס טוען זיי דאָ? מיט מי און אָנשטרענגונג — ווי ער וואָלט די פיס פון אונטער אַ מאַסע אַרויסגעשלעפּט — האָט זיך דיק אויפגעהויבן, אַרויסגעקראָכן פון מאַשין. שווער און אומגעלומפּערט מיט די פיס געפּלאָנטערט, און ווי אַ צעשראָקענער אונטערטעניקער העלפאַנט — אין הויז זיך אַריינגערוקט.

און דערזען האָט דיק: זיין טאַטע דזשאָני לאָרענס, ליגט זיך אין זיינע קליידער אין בעט אויסגעצויגן. ליגט שטיל, געמיטלאַך, שלאָפט אַזוי רואיק. דער שמייכל צייכנט זיך, קריצט זיך אויפן פּנים. נאָר אַ ווייס, שוימיק שנירל גליווערט צווישן די שטייף פאַרמאַכטע ליפּן. איז דער „האַלאָ פּאָפּ!" — אין האַלז געבליבן שטעקן, און אים געוואָרגן.

האָבן שכיינים אויף אַ ווייסער זאַך אים אָנגעוויזן. דיק האָט דעם בריוו פון זיין טאַטנס קאַלטער האַנט אַרויסגענומען. מיט שטייפע, אומבאַהאָלפענע פינגער אים אויפגעעפנט. דעם קאָפּ נאָך טיפער צווישן די אַקסלען פאַרשטעקט. געבליבן שטיין אַ פאַרלאָרענער, מיט אַרונטערגעלאָזטע אויגן. און שוואַרצע פינטעלאַך האָבן זיך געדרייט, געטאַנצט פאַר זיינע אויגן, און אין זינען האָבן געשווינדלט אַזוינע נעבלדיקע, אומקלאָרע ווערטער!

„ליבער דיק! — געפּרואווט קומען צו דיר און ניט געקאָנט. אַ צייכן איך דאַרף שוין מער ניט קומען — האָב איך

דעם טויט צו זיך אליין אריינגערופן. מען דארף נאר לעבן אזוי לאנג, ביז די פיס וועלן דיך טראגן. און שטארבן דארף א מענש אין שפאן — מיט די שטיוול אויף זיינע פיס...

פ א פ ".

האבן די ארומיקע געזען, אז אט דער ריז וועט קיינמאל דעם בריוו ניט דערלייענען און שטיים אזוי פארפראַרן, ווי בליי וואלט געראנען אין זיינע אדערן, און וועט זיך שוין קיינמאל פון דעם ארט ניט רירן.

האט איינער מיט מוט זיך אנגעגארטלט, ביי דעם ארבל אים אנגערירט, דעם פארשטיינערטן ריז פון זיין שלאף אויפגעוועקט, און דערמאנט: — מע דארף, מע מוז באערדיקן.

דיק האט זיין ארט ניט פארלאזן, בלויז דעם קאפ לייכט א קער געטאן: — הום באערדיקן! — און דער שאכן האט דערפילט אויף זיך די פרעמדקייט פון צוויי שמאלע אויגן.

* * *

קרעכצנדיק און סאפענדיק האט „בלעכענע קיידי" ווידער געקלעטערט אויף דעם שמאלן, פינסטערן שטעג פון דעם "שווארצן טאל וועג". דיק האט געקוקט מיט ליידיקע אויגן פאר זיך צום וועג, אין דער ווילדער נאכט אריין. פוסט איז געווען זיין זינען, בלויז איין געדאנק האט אין אים געשמייכלט — דאס, וואס ער האט דעם קאטער ראמעין — וואס האט די גאנצע נאכט געוויינט ביי זיין פאטערס בעט — געלאזט א זאטן, א צופרידענעם זיך ווארעמען ביי דער שוועל פון מיסעס פרעדריקס הויז. ער איז געווען צופרידן וואס ער האט די טירן פון דעם פאטערס הויז גוט פארשלאסן. פרעמדע שאטנס וועלן זיך שוין אהין ניט פארקלייבן. און דאס אייזל — האט ער פריי אפגעלאזן. זאל זיך דאס אליין א באלעבאס געפינען.

ווען דער לאנגער שאטן פון דעם גרויסן דיק האט זיך שוין געדראפעט אויף דעם שמאלן, פינסטערן שטעג צו זיין ביידל, האט דיק, ערשט איצט דערפילט זיינע פיס בויגן זיך אונטער אים — קאנען אים מער ניט טראגן, האט ער ביים

שוועל פון ביידל אַרונטערגעלאָזט זיך; לאַנג אַזוי געזעסן, געקוקט מיט די לײדיקע אויגן צום וועג פון „שוואַרצן טאָל" — געזוכט וואָס אין טיפן אויסגעשטערנטן הימל, און אַ שטומער, טעמפּער ווייטאָק האָט געשריען אין אים און זיך פאַרלאָרן אין דער פאַר־רעטעריש־שטילער מידבאַר נאַכט.

אין פלאָנטער

1

כמורנע, ווינטערדיקע טעג האָבן זיך געטראָגן, געווינטיקט איבער גאַסן — פינסטערע טעג פון אַ שטאָט, וואָס פרעסט אויף אירע זונען אין די באַגינענס, לעקט אויס זייער פייער מיט שוואַרץ־גרויע קנוילנדע צונגען. שאַרפע, אייזיקע נעגל פון אַזעלכע פראָסטיקע טעג האָבן געלויערט און זיינען אַנגעפאַלן אויף אַ דין, ציטערדיק לעבן, זיך אַריינגעשטאָכן און האָבן צעלעכערט די לונגען פון דייוויד באומס ווייב, די יונגע, בויגיקע עסטעלאַ. געל און ביינערדיק איז איר לייב געוואָרן. נאָר איר זשעדנע אויסגעגלאָצטע אויגן, איר דאַרער, בלוי־אָדערדיקער, אויסגעצויגענער האַלז און איר שווער־אָטעמדיקע, קייוועדיקע ברוסט האָבן זיך געבעטן, געמאָנט: „גיט מיר זון! זון! איך וויל נאָך לעבן! לעבן!“...

און דערפילט האָט דער לעבעדיקער דייוויד באום, אַז די פרייד פון זיינע טעג האָט זיך ווי אָפּגעהאַקט, איז געבליבן ערגעץ הינטער פאַרשפאַרטע טירן, און אַ בייזע האַנט האָט דעם שליסל פאַרוואָרפן. האָט ער אונטערגעשטעלט זיינע ברייטע, געדולדיקע אַקסלען — ער וועט אַלץ טראָגן, אַלץ אויף זיך דערטראָגן. און געטריי, איבערגעבן, האָט ער דערפירט דאָס בלוטלאָזע, וואַקסענע לייב פון זיין ווייב און דאָס נאַרישע פּענימל און ניט־דערוואַקסן קערפּערל פון זיבן־יאָריקן „אידיאָטן־קינד“, צו אַ זוניקן ווינקל, צו אַן אייביק־זומערדיקן שטעטל.

גליטשט זיך אָבער אַריין אַ געזונט, פול־אָטעמדיק לעבן. פאַרטראָגט זיך אין דעם ענגן, שטיקענדן צירקל פון שווייסיקע לאַסט־טעג און לאַנגווייליקע, קליינשטעטלדיקע אָוונטן —

וועט א נאַגנדער אומעט שוין וואַכן איבער דעם, און אַ שווע־רער טרויער וועט וועקן אין דעם אומקלאָרע, ווינטיקע פאַר־לאַנגען און אַ פּיינלאַך־זוכענדן אומרו. ווי דינער אייז פלעגט זיך אָפּט ברעכן די געדולדיקייט, די אונטערטעניקייט פון דעם רואיקן, געמיטלאַכן בוכהאַלטער דייוויד באום. און אַ ציטער־דיקער, אַ פאַרצווייפלטער פלעגט ער זיך פּלאָנטערן, וואַרפן זיך אין אָט דעם קליינעם קרייז פון אַן איינגעלאָפּן, פאַרצויגן ווערטל.

אַז די טעג זיינען שטענדיק מיט זון אָנגעלאָדן, שפּריצן מיט פאַרוויגנדן פייער, און דער נעכטן, היינט און מאָרגן זיינען ווי פון איין פורעם אויסגעגאָסן, און ביי דעם בויגן זיך, אַ מידער, אַ שווייסיקער, איבער גרויסע, נאַרישע ביכער,ביים אָנוואַרפן, אָנפילן בערג מיט טרוקענע, האַרבסטיקע ציפערן — ווערט דאָס גאַנצע וועזן ווי איינגעקלאַמערט אין ענגע רייפן פון אַ שווערער, שווייגנדיקער פוסטקייט און אַ נאַגנדער נישט גוטקייט.

צומאָל בליצט יאָ אויף אַ געדאַנק אין זין פון דייוויד באום, רייסט זיך אָפּ פון רעכענען פרעמדע פאַרמעגנס, ברעכט דורך די פרעמדע ווענט פון געשעפט און טראָגט זיך אַוועק דורך די זוניק־פאַרבאַלעשטע גאַסן, צו אַן עק־שטאָטיש געסל, שטעלט זיך אָפּ ביי אַ קליין, ליכטיק שטיבל. שלאָגט זיך אַן אָט דער געדאַנק אַן דער שפּיציקייט פון אַ קראַנק לייב אָן די ווילדע אויגן פון געל הויטיקער ווייב. אַן דעם מאָגערן גופל פון אַ זיבן־יאָריק אינגל, מיט קרומע פיס און אידיאָטישן שמייכל. פליט דער געדאַנק צוריק, רייסט זיך אַריין אין זיין פינסטערניש — אַ פאַרוואונדעטער, אַ צעווייטאָקטער, און לעשט זיך צוריק אויס, פאַרגייט אין דעם פוסטן לאַבירינט פון אַ שטומער, שווייגנדיקער טעמפּקייט.

פאַלן אָבער אויך אַמאָל אַריין אין דעם ענגן ווערטל פון דייוויד באום אַזעלכע שטילע, ליבע נעסט, אַזעלכע פרישע, אַנדערשדיקע אָוונטן, נעמען זיי אַרונטער פון זיין לייב, טוען אים אויס פון דער באַטאַגיקער מידקייט — ווערן זיינע גלידער אַזוי לייכט, אַזוי גרינג, רוקן אים אונטער דעם ווייכן וויג־

שטול אויף דער קילער וועראַנדע, וואָכן איבער אים מיט שטילע ווינטלאַך. פאַרוויגן אים מיטן לייכטן מורמל די בלעטער פון דעם קריכנדן וויינריב און פאַריאָגן דעם פלאַכן טומל פון די גרילצנדע, זעלבסט־שפּילנדע פּיאַנאָס פון געסל. און די לאַנג־ווייליקייט, דער שטענדיקער אומעט, וואָס געניצט אַרויס פון די פרעמדע הייזער, ווערן ערגעץ פאַרשוואונדן, פאַרהילט מיט שאָטנס. און אַ שטילע, זעליקע געמיטלאַכקייט נורעט זיך אַרום זיי.

וויגט זיך דעמאָלט דייוויד באָום, פאַרוויגט זיך, אין דער ליכטיקער טיף פון זיינע פאַרמאַכטע אויגן, צווישן שוועבנדע, פאַרביקע פליטערלאַך און פונקען — לויכטן פאַר אים אויף אַמאָליקע, ווייט־נאָענטע, יונגע, לעבעדיקע וועלטן און עס ברענגען מיט זיך, אָט די פאַרלוירענע וועלטן, ווייען־אָן אויף דעם דרימלענדיקן דייוויד באָום אַ ליבן, שמערצפולן פאַרגעניגן. און פיינלאַכע פרייד ציט זיך איבער זיינע גלידער. אים איז גוט אַזוי צו דרימלען, גרינג און גוט.

ניט אַלעמאָל ווילן אָט די אוונטן מיט געבענשטע שאָען פון פאַרגעסנקייט. האָבן זיי אים היינט פאַרשלעפּט אויף דער פלאַכער ווייט פון אַ גרויסער מידבאַר, אַנגעצונדן אויף אים טויזנט זונען. ברענען אָט די זונען, בלענדן, שטעכן אים אין די אויגן. שלעפּט ער זיך אַזוי אַ בלינדער, די קראַנקע עסטעלאַ צוגעבונדן צו זיינע פּלייצעס, דאָס „אידיאָטן־קינד" צו די לענדן צוגעקייטלט. און לאַנג זיינען געוואָרן די נעגל פון עסטעלאָס דינע פינגער, לאַנג אַזוי און שאַרף, רייסט זי זיינע האָר, דראַ־פּעט זיין פּאָנים, האַמערט מיט קליינע פויסטן אויף זיין קאָפּ — און שרייט אַזוי בייז און וויינענדיק: „דייוויד! דייוויד!"

האָט זיך דייוויד באָום אויפגעכאַפּט. דאָס דינע, שוואַכע רופן פון זיין פרוים שטימע האָט געשניטן די שטילקייט. ער איז אויפגעשפּרונגען אַ פאַרשוויצטער, אַ צעטומלטער, אין שטוב אַריין, אין האַלב־טונקעלן צימער פון זיין פרוי.

— יאָ, סטעלאַ.

סטעלאַ האָט מאָדנע איר דינעם האַלז געצויגן, געגלאָצט

אויף איס מיט אירע ווילדע אויגן, און געבראכן, נערוועז גע־דרייט אירע דאַרע, בלייכע פינגער.

— כ׳האָב גערופן... און גערופן, און דו האָסט אפילו ניט געהערט...

— נו, סטעלאַ, כ׳האָב בלויז געדרימלט.

ביי דער קראַנקער האָט זיך דאָס מויל פאַרקרימט, די ליפּן האָבן זיך מיאוס און קרענקלאַך צעצויגן, און אַ געוויין האָט זיך געריסן פון זיי.

— יאָ, איך ווייס, איך ווייס, פאַרוואָס דו גייסט ניט שלאָפן... דו זיצסט אין דרויסן און קוקסט אויף די שטערן... זיי ווייסן אַלעס... און דו ווילסט זיך דערוויסן ביי זיי, ווען איך וועל שטאַרבן. איך ווייס, איך ווייס, דו ווילסט, אַז איך זאָל שטאַרבן... דו ווילסט מיך דאָ מער ניט האָבן...

דייוויד באָום האָט שוין געוואוסט, אַז ער דאַרף שווייגן. גאָרנישט ענטפערן, האָט ער זיך בלויז אַרונטערגעלאָזט אויפן ברעג פון בעט, איר קאָפּ געגלעט, און ווייך געמורמלט:

— נו, סטעלאַ, באַרואיק זיך, סטעלאַ.

די קראַנקע האָט געפיבערט. אויפן שטערן האָט זיך אַ קאַלטער שוויים געזעצט, אין האַלז און אין ברוסט האָבן קליינע הייזעריקע פייפעלאַך געשפילט. און דער אימפּעט פון איר ריידן האָט געטריבן די לופט פון צימער, געשטיקט זי, געקירצט איר אָטעם.

— איך ווייס, דו ווילסט אויך ניט טפילע טאָן פאַר מיר. ווילסט ניט בעטן פאַר מיין געזונט...

— איך וועל בעטן, סטעלאַ, איך וועל בעטן, אָט באַלד פאַרן שלאָפן־גיין.

— ניין, דו וועסט ניט בעטן... און אַלע זאָגן מיר: „זאָל דיין מאַן, דיין קינד און דו בלויז זאָגן יעדן טאָג: יעזוס, העלף מיר!“ — און איך וועל געזונט ווערן... פון דעם אַליין וועל איך געזונט ווערן... מען דאַרף נאָר צומאַכן די אויגן און זאָגן: „יעזוס, העלף מיר!“ — און דו וועסט קיינמאָל ניט בעטן אַזוי... דו ווילסט, איך זאָל שטאַרבן... איך ווייס.

דו ווילסט איך זאָל שטאַרבן...

די קראַנקע האָט זיך געהויבן פון בעט, זיך געריסן, געבראָכן די הענט אין פאַרצווייפלונג, דערנאָך האָט זי געפּאַכעט מיט זיי אין דער לופטן, ווי זי וואָלט עמיצן וועלן כאַפּן, עמיצן ווערגן, דערשטיקן...

דייוויד באָום האָט שוין געוואוסט, אַז ווערטער וועלן ניט העלפן, וועלן זי שוין קיינמאָל ניט איינשטילן. האָט ער איינגעקלאַמערט זיינע הענט איז אירע, זיי שטאַרק געהאַלטן, און איר רוקן צום בעט צוגעדריקט.

עסטעלאַ האָט זיך געוואָרפן, געציטערט, געוויינט, ווי אַ קליין הינטל, גערעדט אומפאַרשטענדלאַכע ווערטער. און אַזוי וויינענדיק און כליפּענדיק, ווידער איינגעשלאָפן.

דייוויד באָום האָט זיך אויסגעגלייכט, דערפילט די ביינער אַזעלכע שווערע, צעבראָכענע, האָט ער זיך פאָרזיכטיק אַרויסגעשאַרט, און שטיל געעפנט די טיר צו זיין אייגענעם שלאָפצימער. איז ער אויפן שוועל פון דער טיר געבליבן שטיין, זי ניט געקאָנט אַריבערטרעטן. געזען האָט דייוויד באָום, דורכן פענסטער האָט זיך אַ ליכטיקער פּאַס אַריינגעגליטשט. באַלויכטן זיין בעט און דאָס פּעניטל פון דעם „אידיאָטן־קינד“ וואָס פלעגט מיט אים שלאָפן. דאָס קעפּל איז געווען פאַרוואָרפן, ווי ביי אַ דערקוילעט קעלבל; די אונטערשטע ליפּ אַרונטערגעלאָזן, פאַרסלינעט — האָט ער זיך נאָך דערמאָנט, ווי דאָס „אידיאָטן־קינד“ איז אַמאָל אַזוי געזעסן צווישן זיינע שפּילכלאָך, מיט דער זעלבער אַראָפּגעפּאַלענער, פאַרסלינעטער ליפּ און אומבאַוואוסטזיניק זיך צעזונגען: „יעזוס, העלף מיין מאַמען! יעזוס, העלף מיין מאַמען!“ — און דערפילט האָט איצטער דייוויד באָום, אַז ער, עסטעלאַ און דאָס „אידיאָטן־קינד“ זיינען אַראָפּגעפאַלענע, אַרונטערגעריסענע פון עפּעס. וואָס איז שטאַמיק, איינגעוואָרצלט; פון עפּעס, וואָס ער, דער הי־געבוירענער, האָט קיינמאָל ניט געוואוסט, אַז ער איז צוגעוואַקסן. איצטער ליגן זיי אָפּגעטרייסלטע, ליגן און פוילן.

האָט זיך דייוויד באָומס ברוסט ווי צוזאַמענגעצויגן, זיך ניט

געקאַנט באַוועגן — אים האָט לופט געפעלט. די פּוסטקייט פון הויז האָט אים געשטיקט. ער האָט שטיל די טיר פאַר־מאַכט, צוגעשפּאַנט אויף די שפּיץ־פינגער צו דעם הינטערשטן גאַניק פון שטוב, וואו דאָס מעקסיקאַנער דינסטמיידל איז געשלאָפן.

— ריטאַ, ריטאַ! — האָט ער זי געוועקט — זיי וואַך. הער זיך צו, איך וויל זיך בלויז דורכגיין פאַרן שלאָף.

און אַ שטילער, אַ פאַרוואונדערטער „סי סיניאָר!“ האָט דורכגעשוועבט אין דער פינסטערניש.

2

די נאַכט איז אַ קלאָרע, אַ ליכטיקע, בלייבט זיך ווי לופטיקער, דורכזיכטיקער העלפאַנט־ביין. די לעוואָנע שיינט, לויכט, ווי שניי אויף גראָז און דעכער, און שפּינט די ווייטע, ווינטערדיקע אילוזיע פון זומערלאַנד נעכט.

איינגענורעט אין זיך, מיט וואַקלענדיקע, אומזיכערע טריט, האָט דייוויד באָום געוואָרפן זיין לאַנגן שאָטן איבער די שטילע, פאַרכאַלעמטע געסלאַך. אַ לייכטער אומרו האָט געוואַכט אין אים. אים האָט געשראָקן אָט די קלאָרע קליינשטעטלדיקע נאַכט. ער האָט געפילט, ווי אין די פאַרשלאָפענע הייזער שפּיצן זיך אויערן, הערן זיך צו צו זיין טראָט, און פון די אויסגעלאָשענע פענסטער רייסן זיך נייגעריקע אויגן און קוקן אויף אים. און מאָרגן, אין העלן טאָג, וועט אַ שטאָט מיט פינגער שוין טייט־לען אויף אים, ליפּן וועלן זיך סוידען וועגן אים: אָט דער דייוויד באָום האָט זיך ביינאַכט ארומגעיאָגט מיט זיין ווייטאָק! איז געלאָפן איבער נאַכטיקע גאַסן מיט זיין טרויער! און ציינער וועלן זיך זשעדנע אויגן, נייגעריק זיך רייסן, פּרוּוון אָפּקראַצן שטיקלאַך פון זיין נעשאָמע, דערגרונטעווען, ארייננקוקן אין די טיפענישן פון זיין אומגליק.

אַזוי אין זיך פאַרזונקען, האָבן אים זיינע פיס בלינדערהייט געפירט, און ארויסגעפירט אויף אַ ברייט געסל, וואָס האָט זיך

געמיטליך געשפּילט מיט ליכט און שאָטנדיקע פּעכערס פון פּאַלמעס. און ווען אַ לעבעדיק פייערל האָט פלוצלינג פון אַ פענסטער אַ שפּרונג-געטאָן, אַ בלענד־געטאָן, אים אויפגעוועקט, זיינען זיינע פיס, ווי פאַרשטיינערטע, שווער געוואָרן, קלאָציק, און זיך צוגעקלעפּט צו דער ערד. איז ער אינמיטן גאַס געבליבן שטיין, אויפן פייערל געקוקט. זיין לייב האָט געפיבערט, זיינע אויגן זיינען געוואָרן גרויסע, צושראָקענע, מאָדנע. ווי קומט ער אַהער? פאַרוואָס איז דאָס הויז, דאָס ליכט אין פענסטער אים אַזוי באַקאַנט, נאָענט? און אין זינען האָט אַ געשטאַלט דורכגעבליצט — מים גאַרמאַן, מים רוט גאַרמאַן.

אַ קעלט איז דורכגעלאָפן דייוויד באומס גלידער, פון אָרט אים אָפּגעריסן, און געיאָגט אים, געטריבן פון דעם באַלויכטע־נעם פענסטער, פון דעם ברייטן, געמיטלאַכן געסל. איז ער ביים עק פון געסל געבליבן שטיין, און מיט קליינע טריט צוריק זיך אומגעקערט. אים האָט צום ליכט געצויגן.

ער האָט געטראַכט:

מים גאַרמאַן, מים רוט גאַרמאַן, די לערערן, בלויז צוויי מאָל זי באַגעגנט — איינמאָל, ווען זי איז געקומען פאַררעכטן איר קרעדיט־קאָנטאָ ביי זיין פירמע, איז זי צו אים, צום בוכהאַלטער, אַרויפגעקומען. האָט ער אַ גראָבן בוך געמישט, געבלעטערט... און נאָענט זיינען זייביידע געשטאַנען, נאָענט איינער צום צווייטן, און געשמייכלט, גלאַט אַזוי געשמייכלט. אַ צווייטן מאָל, נאָך זיין טאָג אַרבעט, האָט ער זי אויף דער הויפּט־גאַס אָנגעטראָפן. באַלאָדן מיט קליינע פּעקלאַך פון איינגעקויפטע זאַכן, האָט ער אירע הענט פון איר מאַסע באַ־פרייט, און ווייל איר וועג אַהיים האָט זיך אין זיין וועג גע־צויגן, האָבן זיי ביידע אַהיים געשפּאַנט, ניט געפילט די מיד־קייט פון דער וואַרימער נאָכמיטאָג־זון, און פרייליכע ווערטער איינער דעם צווייטן געשאָנקען...

ווען דער שאָטן פון דייוויד באומען האָט זיך ווידער אויס־געגלייכט מיט דער שיין פון דעם ליכטיקן פענסטער, איז זיין האַרץ געוואָרן אַזוי וויינענדיק, נאַגנדיק, ווי דאָס האַרץ פון אַ

פארבענקט איינגל. אים איז א שוואכקייט באפאלן. דער אנ־
געוואקסענער ווייטאק פון א לאנגן, פיל־יאריקן שווייגן האט
זיך געריסן, געכוואליעט אין אים. אים האט זיך געוואלט
איצט רעדן, אראפרעדן, און אזוי כאטש איינמאל צעשלאגן די
פארגליווערטע כמארעס פון זיין אומגליק, וואס הענגען שטענ־
דיק איבער זיין קאפ. און זי, מיס גארמאן, איז דאך אזא
גוטע, א רואיקע, א געלאסענע. זי וועט אים אויסהערן, און
לאשטשען אים, גלעטן מיט קלוגע, געמיטלאכע ווערטער.

איז דייוויד באום געשטאנען אין אפגעלאזענער, אין אומ־
באהאלפענער, זיך געשראקן. זאל ער אנקלאפן? וועט זי
עפענען? נאר א בלינדע, אומבאוואוסטזיניקע דרייסטקייט,
וואס קומט בלויז אין פארצווייפלטע רעגעס, האט אים פלוצלינג
אונטערגעכאפט און צוגעפירט צו דער טיר ביי דעם ליכטיקן
פענסטער. ער האט אנגעקלאפט.

הינטער דער טיר האט זיך דערהערט א לייכטער שפרונג
און שטילע, ווייכע טריט.

— ווער איז דארט?

— איך, מיסטער באום.

— מיסטער באום? אזוי שפעט?

— איך האב אייך עפעס־וואס צו פרעגן. אן אייצע וועגן
מיין פרוי. זי קאן ניט שלאפן, האט א שווערן אנפאל... עפשער
ווייסט איר עפעס?

שטיל און פארזיכטיק האט זיך די טיר האלב געעפנט,
און די פארוואונדערטע אויגן פון רוט גארמאן האבן געקוקט
אויף אים מיט א לייכטן פארוואורף.

— פארוואס אזוי שפעט, מיסטער באום? זאגט, וואס
ווילט איר מיך פרעגן?

האט דייוויד באום זיך פארלוירן. זיין גאנץ בלוט האט
אים אין פאנים א שלאג־געטאן. דער אטעם האט אים פאר־
כאפט, ער האט געשטאמלט:

— איך וויל מיט אייך רעדן, עפעס האב איך צו דער־
ציילן... ס'מוז נעמען עטלאכע מינוט, און דא איז שווער דאס

ארויסצוזאָגן; איר פאַרשטייט, די גאַס, די הייזער דאַרפֿן דאָס ניט הערן.

האָט זיך די רואיקייט אויף מיס גאַרמאַנס געזיכט מיט אַ דינער ערנסטקייט פאַרצויגן. זי האָט געקוקט מיט אירע שמאָלע, טונקעלע אויגן אויף דעם צעטראָגענעם דייוויד באום. געזען אים אומקלאָר, נעפּלדיק, און אים פאַרשטאַנען. און פון איר געזונט ליב, פון איר שטאַרקן, אויסגעגליכטן קערפּער, וואָס האָט געטראָגן אויף זיך מיט ווירדע אירע דריי צענדליק יאָר, האָט געאָטעמט אַ פעסטקייט, אַ זיכערקייט פון איר ניט־דערזאָגטן עמעס: „איך ווייס, איך קאָן דעם פּלאָנטער פון לעבן, מיר דאַרפסטו קיין סאַך ניט דערציילן"...

— מיסטער באום — האָט זי אים לייכט מיט אירע פינגער אָנגערירט — עפּשער קאָן מען אַן אַנדערש מאָל זיך טרעפן? איר זעט דאָך... איצטער... ס'איז האַלבע נאַכט... שוין דאַכט זיך, צו־שפּעט...

דייוויד באום האָט זיך געדרייט, געקאַרטשעט, ווי ריטער וואָלטן אים איבערן לייב געשמיסן. ער האָט זיך דערזען מיט אַמאָל אַזוי קליין, אַזוי נאַריש. וואָס טוט ער דאָ? וואָס וויל ער פון אָט דער מיס גאַרמאַן? וואָס האָט ער איר צו דערציילן? גאָרניט, גאָרניט וואָס צו זאָגן, סיידן זיך צעוויינען פאַר איר, צעוויינען זיך ווי אַ קינד, און נאָך נארישער, נאָך לעכערלעכער ווערן. און ווי אַ שולדיקער, אַ פאַרזינדיקטער, איז ער געשטאַנען פאַר מיס גאַרמאַן.

— איר פאַרשטייט — האָט ער געפּרואווט זיך אויפ־מינטערן — כ'האָב אייך בלויז געוואָלט זאָגן... איר האָט רעכט — אַן אַנדערש מאָל... וועט בעסער זיין. איר האָט רעכט. ניט איצטער... אָבער אַנטשולדיקט, זייט ניט בייז אויף מיר, מיס גאַרמאַן. איר וועט דאָך פאַרגעבן...

רוט גאַרמאַן האָט אים גאָרניט געענטפערט, זיין האַנט בלויז אָפּגעזוכט און שטאַרק און וואַרים זי געדריקט.

אַ צעטומלטער האָט זיך דייוויד באום פון טיר אָפּגעריסן. און ווען זיינע טריט האָבן פעסט געקלאַפּט אויף דער אַספאַלטע־

נער סטעזשקע פון הויז און גענומען אַפּהילכן אויפן האַרטן טראָטואַר, האָט זיך די רואיקע מים גאַרמאַן עפּעס דערמאָנט, דעם קאָפּ פון טיר אַרויסגעשטעקט און אים נאָכגעשריען אין גאַס אַריין:

— פאַרגעסט ניט, מיסטער באום, ניט מער ווי צען טראָפּנס אין אַ האַלבער גלאָז וואַסער! אייער פרוי וועט זיכער איינ־שלאָפן! זי וועט זיך בארואיקן!

האָט דייוויד באום זיך אויסגעניכטערט, געוואָרן לעבעדיקער, האָט אויפגעכאַפּט איר רוף, אין איר טאָן אַריינגעפאַלן:

— יאָ, צען טראָפּנס, ניט מער ווי צען טראָפּנס... אַ דאַנק, אַ דאַנק.

און געוואָלט האָט זיך אים, אַט דעם פול־ברוסטיקן דייוויד באום, פאַרענדיקן זיין שרייען, רעוועו אין דער נאַכט אַריין — און צען טראָפּנס פאַר דער גאַס, צען טראָפּנס פאַר שטומע, פאַרשלאָפענע הייזער! זאָלן זיי שלאָפן, זאָלן זיי ניט וויסן, אַז ער, דייוויד באום, האָט זייער שטאָט אומריין געמאַכט, האָט זייערע גאַסן מיט זינד איצט באַפלעקט — ער, וואָס האָט געטעמט צוויי פיינלאַכע מינוטן ביי דער טיר פון רוט גאַר־מאַנס מיידלישן צימער...

דער לעצטער

1

לעבט זיך איינער אין אַן איינזאַמען ברייטן טאָל, אין אַ פֿאַרוואָרפֿענעם רויען געגנט פֿון דעםווילדן מידבאַרדיקן מאַריוו, אין דעם שטעטעלע באַמבלבי. טונקל ברוין איז זיין הויט, שפּיציק זיינע באַקן־ביינער, שוואַרצע געדיכטע שאַרף־פֿאַרענדיקטע וואָנצעס. און זיין גאַנצער געבוי, ברייט ביינערדיק, דראַטיק — דער געבוי ווי ביי די זין פֿון מעקסיקאָ, וואָס מאַכן די לאַסטן פֿון לעבן אַזוי גרינג, טראָגן זייער ווייטיק אַזוי נאַכלעסיק און פֿויל. לעבט ער זיך מיט זיין פֿרוי, אַ פֿול־בלוטיקע שוואַרץ־אויגיקע טאָכטער פֿון מעקסיקאָ. זיין הויז איז אַלט און שטאַרק, אַ לאַנג־יאָריקער אָנפֿאַל פֿון זון און ווינטן האָט זיך געלייגט אַף דעם, און דאָס פֿאַרטונקלט, פֿאַרעלטערט. גרויס ראַכוועסדיק איז זיין קראָם וואָס שפּייזט זיי אין דעם ווייטן פֿאַרוואָרפֿענעם טאָל.

יעדן כוידעש פֿאַרלאָזט אָט דער איינער זיין טאָל, שפּאַנט און קלעטערט דריי מייל געבערגלטן וועג. רוט זיך אָפּ, קילט אָפּ זיין שוויים אין אַ נאַקעט דריי־ווענטיק שטיבל, וואַרטנדיק אויף דעם פֿאַרשטויבטן צוויי וואַגאָנעדיקן באַן וואָס ברענגט אים דער הויפּט שטאָט איינצוקויפֿן סכוירע פֿאַר זיין קראָם.

קומט אָט דער איינער אין שטאָט אַריין, וואַרטן שוין אויף אים די קרעמער, גרייטן אָן רעשטלאַך, אָפּשניצלאַך — קויפֿט ער. צאָלט גרייט געלט, טיילט ציגאַרן. איינגעקויפֿט — באַצאָלט.

הייסט ער די געקויפטע זאכן זאָלן אים צוגעשיקט ווערן מיט פראכט — ווייטער ווענן געשעפט קיין וואָרט.

וואונדערן זיך די פּאָר צענדליק קרעמער אין שטאָט — אַ מאָדנער מענש. פאר זיינע אויגן האָט אַ שטאָט אויפ־געבליט, אויפגעוואָקסן — נאקעטע שטיינער אין גאָלד פאר־וואַנדלט. בלויז גיי און שעפ מיט די זשמעניעס. ער איינער אַליין ליגט אין זיין טאָל, קריכט נאָר ארויס פון דאָרטן צו קויפן ברעקלאך און רעשטלאך. און אַז אַזאַ איינער אַבוץ דער ברוינער הויט און שפּיציקע באַקן־ביינער, האָט אַזעלכע טיפע ניט דערזאָגטע אויגן, אַ בלייכע דינע נאָז, אַ באַרגיקן שטערן און טראָגט אַזאַ נאָמען ווי בען הערשקאָוויטש, וואונדערן זיך די קרעמער. אַ מאָדנער מענש אָט דער בען הערשקאָוויטש. און די מייסע ווענן בען הערשקאָוויטש דאַרף זיך אַזוי דערציילן.

ס'איז אַמאָל געווען אַ איד. קיין אייגן בלוט און פלייש האָט ער שוין דאָ אויף דער ערד ניט געהאַט. איז ער געווען אַן אָפּגעריסענער, אַן עלנדער. און די גאַליקע אַליינקייט האָט זיך צו אים ווי אַ שאָטן צוגעקלעפּט. איז דער איד געוואָרן אַן אומרואיקער און אַ בענקענדער. האָט ער אָפּגעשניטן זיינע פּעדים, איבערגעהאַקט די קניפּן, וואָס האָבן אים אין די לאַפּעס פון אַ גרויסער שטאָט פאַרפּלאָנטערט. קעגן זיין ווילן האָט מען אים אין דער גרויסער שטאָט אריינגעוואָרפן, און מיט זיין ווילן האָט ער זיך ארויסגעריסן. ערגעץ זיינען דאָ אַנדערע וועלטן — דאָס האָט אים געשטאַרקט. און מיט אַ מוטיקן טראָט און מונטע־רע אויגן האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט איבער ווינטיקע פּרעיריעס, אויף קריכנדיקע באַנען, געטרייסלט זיך אין פּאָסט־וועגענער איבער אומזיכערע זאַמדיקע מידבאַר־וועגן, ביז ער איז אַזוי צו דעם ראַנד פון אַ גרויסן טאָל דערפאָרן. האָבן זיינע אויגן ווי אויפגעלויכטן, אַ לעבעדיק פייערל האָט אַ בליץ געטאָן אין זיי. דאָס אָרט האָט אים גערופן, געצויגן צו זיך — איז ער

שוין ווייטער ניט געפֿאָרן און זיך גענומען אַרונטערלאָזן אויף דעם סקאָסן וועג, אין טאָל אַריין, און איז דאָרט געבליבן שטיין.

פֿאַרקלערט זיך דער איד און דערמאָנט זיך, אַז אויבן, הינטער די בערג, אויף די פֿלאַכן פֿון דער מידבאַר האָבן טשע־רעדעס שאָף זיך געפּאַשעט, דאָס מאָגערע מידבאַר־גראָז געגרי־זשעט — זיינען מעקסיקאַנער פּאַסטוכער דאָ. און אַ צייט פֿון וואָל־שערן וועט דאָך מוזן קומען; וועלן נאָך מענשן זיין. און דערמאָנט ער זיך נאָך וועגן די טונקעלע פּינטעלאָך, וואָס ער האָט אין דער הויך, ביים זוים פֿון טאָל, געזען — די הייזער און קאָראַלן פֿון עטלאַכע צעוואָרפֿענע ראַנדזשן — זיינען פֿערד־יונגען געוויס דאָ אויף זיי. און דערזען האָט דער איד אין גראָבן, וואָס ציט זיך איבער דער גאַנצער לענג פֿון טאָל, רינט אַ פֿלאַך וואַסערל — דאָס אָטעמט דאָך דער שניי, וואָס האָט פֿון די הויכע מיזראַך־בערג אַראָפּגענידערט. וועט מען אַמאָל דאָס וואַסער פֿאַרצאַמען, וועט דאָ מער לעבן זיין. האָט ער זיך אַרומגעקוקט. צוגעגאַנגען צו אַן אָרט, באַשאָטנט פֿון דריי אַלטע באַוול־ביימער, און מיט אַ טיפֿן זיפֿץ פֿון אַ פֿריידיק־זיכערן גלויבן, צו זיך געזאָגט: — דאָ וועסטו בלייבן אייב הערשקאָוויטש, דאָ וועט זיך מיט דיר אָנפֿאַנגען!..

2

באָב וויליאַמס איז געווען דער אָרימסטער ראַנדזשער אין אָט דעם וויטן געגנט. די קאַפּיטעס אויף זיין בראָנקאָ זיינען שוין ניט געווען זיינע. די געלע, טרוקענע ערד האָט זיך איינ־געזאַקשנט, ניט געוואָלט זיך ברעכן, נאָכגעבן זיך אונטער זיין שוויים און מי, און איז געבליבן אומפּרוכטבאַר און נאַקעט. האָבן זיך דורכפֿאַל און כוויוועס זיך צוגעבונדן צו באָב וויליאַמסעס טריט, ווי צוויי געטרייע הינט, און ניט געוואָלט זיך אָפּקערן פֿון אים.

ציט זיך אָבער אַ לעבעדיקער, פֿול־בלוטיקער אָדער אין דעם לאַנגן, ביינערדיקן באָב וויליאַמס; קנייפּט ער מיט ליבע די זומערדיקע באַקן פֿון זיין מעקסיקאַנער ווייב אַניטאַ, טרייסט

זיך מיט אירע צוטרויליכע, איבערגעבענע אויגן, און פון זיין ברוסט רייסן זיך קרעפטיקע, האָפנונגספולע געשרייען:

— אניטא, מיר וועלן זיך נאָך ארויסשלעפּן! וועסט זען, מיר וועלן נאָך דורכשלעפּן!...

און ער פארשפּילט זיך, פלאָפּלט א פריילאכער מיט זיין צוויי־יאָריקער טאָכטער ראָבערטא, וואָס קלאַמערט זיך איין און טרעט ניט אָפּ פון איר לאַנגפיסיקן טאַטן.

ביי אָט דעם באָב וויליאַמס האָט אייב הערשקאָוויטש אי־בערגענעכטיקט זיין ערשטע נאַכט אין טאָל.

ווען די זון הינטער די מיזראָך־בערג האָט נאָר אָנגע־צייכנט א בלייכן זוים צווישן הימל און בערג, געוויזן א בלאַסן אָנזאָג אויף טאָג, זיינען שוין ביידע, באָב וויליאַמס און אייב הערשקאָוויטש געווען אויף דעם גרוילאכן דרויסן פון דעם קילן פרימאָרגן. דאָס לעבן פון א זיכערער באַשטימונג האָט געשלאָגן פון זייערע רייד און לעבעדיקע באַוועגונגען.

באָב וויליאַמס האָט מיט נאָענטקייט געקלעפּט ארום הערש־קאָוויטשן, א פריינטלאכע האַנט אויף זיין אַקסל אָפּט געלייגט און ביים ערשטן נאָמען אים שוין גערופן.

— דו געפעלסט מיר, אייב. דו קומסט ניט אהער ווי א געוויינלאכער קרעמער, נאָר ווי א פּיאָנער, און פּיאָנערן האָב איך ליב... וועסט זען, דו קאָנסט דאָ גאָרניט פארלירן. די געגנט וואַקסט, און וועסט זיך ניט קאָנען העלפן — דו וועסט וואַקסן מיט איר... איך וועל דיר העלפן... מיין ערד דאַרף מיך איצטער ניט האָבן, זיינען מיינע פערד ניט פארנומען, וועלן מיר נאָך היינט אין שטאָט אריינפאָרן, מיר וועלן געהילץ ברענגען, און וועסט אָנהייבן בויען. איך וועל דיר מיט אַלעם העלפן, און ביז דאָס וואָל־שערן וועט זיך אָנהייבן, ווען איך מוז זיך צו אַנדערע פאַרדינגען — ביז דעמאָלט בין איך דיינער. און, אייב, זאָל דיין קראָם נאָר ווערן פאַרטיק און דאָס שאָף־שערן זאָל זיך אָנפאַנגען, וועסטו האָבן פולע הענט מיט ארבעט. מעקסיקאַ־נער פאַסטוכער און פערד־יונגען האָבן ניט קיין פאַרנייטע קעשענעס... אין דיין קראָם וועט זשומען ווי אין א בינ־

שטאָק... און הער, פאַרוואָס דאָס אָרט ניט געבן אַ ריכטיקן נאָמען? אָט, צום ביישפּיל, טאַקע — באַמבל־בי... אַ, ווי געפעלט דיר דאָס?

אייב הערשקאָוויטש איז געווען גערירט, געקוקט מיט שטור־מער דאַנקבאַרקייט אויף דעם גוטן, לעבעדיקן באָב וויליאַמס, וואָס איז געווען פאַרשיקערט פון זיינע אייגענע רייד, אַרומ־געטאַנצט מיט זיינע לאַנגע פיס, גערופן זיין פאַרשלאָפענע ווייב פון הויז:

— אַניטאַ, זאָלסט וויסן, פון היינט אָן וואוינסטו ניט אין אַ ווילדער, פאַרוואָרפענער מידבאַר, דו וואוינסט איצטער אין באַמבל־בי, אין דער גרויסער, צוקינפטיקער שטאָט באַמבל־בי...

באָב וויליאַמס איז אויף אַ האָר פון זיין וואָרט ניט אָפּ־געשטאַנען. ווי אַ געטרייער, לייבלאַכער ברודער פון הערשקאָ־וויטשן ניט אָפּגעטראָטן, זיין יעדע מינוט אים אָוועקגעגעבן, ביז דער לעצטער קאָסטן סכוירע, וואָס מען האָט פון ווייטע, גרויסע שטעט אויסגעשריבן, איז שוין געווען צעפּאַקט און צעלייגט אויף די נייע, ריינע פּאָליצעס. און ס'האָט אויסגעזען, ווי באָב וויליאַמס וואָלט אָט די טעג פון אַרבעט און שוויס בלויז פאַר הערשקאָוויטשן אויסגעבעטען. וואָרים ווי נאָר באָב ווי־ליאַמס האָט זיך שוין אַרויסגעלאָזט באַטראַכטן זיין אייגענע פאַרגעסענע ערד און זיך אָנגעבויגן צו פאַרריכטן אַ נידעריקן דראָט פון פּלויט, האָט אַ קלאַפּער־שלאַנג צו זיין ברוסט אַ שפּרונג געטאָן און איר גיפט דאָרטן געלאָזן. און מיט אַ טאָג שפּעטער האָט מען אים געפונען — איז שוין בלוי געווען זיין לייב, שמייף און פאַרפרוירן.

און אַניטאַ, די ברוין־הויטיקע שטיף־טאָכטער פון דער רויִ־טער ערד, איז ווי אויף דער נאַקעטער מידבאָר געבליבן.

ווערט אָבער דער אָנדענק פון אַ באָב וויליאַמס אַזוי גיך ניט אָפּגעמעקט, ווערט אַזוי גיך ניט פאַרגעסן. זיין ליבע, עמעסדיקע גוטסקייט איז אין אַ צוויייטנס בלוט אַריין, און יענער

וועט זי שוין אייביק גערענקען, אייביק וואַרעמען אין זיין ברוסט מיט שטראַלנדיקע דערמאָנונגען.

האָט אייב הערשקאָוויטץ פאַרמאַכט זיין קראָם און צו באַב וויליאַמסעס הויז זיך אַוועקגעלאָזט.

אַ בלייכע, אַן אָפּגעצערטע פון איר אומגליק איז אַניטאַ אים אַנטקעגנגעקומען, און אייב הערשקאָוויטץ האָט מיט קורצע, זיכערע ווערטער איר דערמאָנט:

— אַניטאַ, ווייסט דאָך, די ערד אַרום דיר איז ניט דיינע. עס וועט ניט נעמען לאַנג און מען וועט זיך אַ לאָז טאָן אַהער ווי וועלף און יעדער וועט אַוועקשלעפּן וואָס אים קומט, וועסטו ניט האָבן וואו צו זיין, וואוהין צו גיין. דו פּעקל איין דיינע זאַכן און קלייב זיך אַריבער צו מיר. קאָנסט ביי מיר זיין אַזוי לאַנג ווי איך וועל לעבן, אָדער ביז דיר וועט זיך אַליין גלוסטן. קיין פליכטן וועסטו צו מיר ניט האָבן. דער גוטער אָנדענק פון דיין מאַן וואָלט געמעגט קריגן נאָך אַ גרע־סערע באַלוינונג...

און אַניטאַ וויליאַמס האָט פאַרבונדן איר אָרים פּעקל, און דאָס אַוועקגעשלעפּט צו די גרויסע, האַלב־ליידיקע צימערן פון אייב הערשקאָוויטצעס הויז.

3

האַלבער טאָג אין טאָל. די זון איז פּונקט אין מיטן הימל געשטאַנען, איז די לופט געווען אַ קלאָרע, אַ דורכזיכטיקע און אַ גליענדע. אין ערגעץ קיין ריר, קיין ברעקל באַוועגונג. פאַלט די היץ צום לייב, גיסט אין דעם אַריין אַ ליבע פוילקייט, וואָס מען קאָן נאָר פילן אין וואַרימע טרוקענע ערטער.

אייב הערשקאָוויטץ האָט ביים שוועל פון זיין קראָם גע־רוט. אַ דרימלענדיקער, אַן אָפּגעלאָזענער, האָט ער געמיטלאַך געקייט זיין פאַרלאָשענעם סיגאַר אין ווינקל פון מויל און זיך געטראַכט: וויפיל זונען האָבן זיך דורכגעגליטשט אַריבער אָט דעם בלויען קופּאָל פון טאָל, זינט ער איז אַהער געקומען —

דאָס געדענקט ער שוין ניט, נאָר פאַר זיינע אויגן האָט דער הויכער, מיזראַכדיקער באַרג שוין ניט איינמאָל זיין ווייסן, ווינטערדיקן קאָפּ פאַרלוירן און אַראָפּגערונען דורך דעם גראָבן, וואָס ציט זיך פאַרביי זיין קראָם, און אַזוי פאַרשוואונדן צווישן דער טיף פון בערג, פאַרשלעפּט מיט זיך יאָרן אין דער אייביקייט.

לאַנג האָט מען אייב הערשקאָוויטשן ניט געלאָזט אַזוי רוען. וויט, אויפן מיזראַכדיקן עק פון טאָל, אויפן וועג, וואָס פירט צו אים, האָט זיך אַ שטויב אין דער לופטן געהויבן. האָט ער מיט נייגעריקייט געצילט זיינע בליקן און זיך גע־וואונדערט: ווער קאָן דאָס זיין? ווער קאָן איצטער אַהער פאָרן? קיין צאָל־טאָג איז היינט אויף קיין ראַנדזשן ניט גע־ווען... און דערקענט האָט ער — ווערליק דער שטויב — ניט איין פאַרשוין פאָרט אויפן וועג.

שפּעטער, ווען זיינע אויגן האָבן שוין קלאָר געזען, אַז אַ כוץ דריי רייטער פאָרט אַ וועגעלע מיט צוויי פערד געשפּאַנט, און אויף דעם וועגעלע זיצט דער שטענדיק־בייזער, צעקנייטשטער, קרום־אויגיקער סטיוו דוירק, און דער לאַנגער, געשטופּלטער פאָטער ווינסענט פון דער קאַטויליש־אינדיאַנער מיסיע, האָט אַן אַלטער, פאַרוויגטער אומעט אויפגעוואַכט אין אייב הערשקאָ־וויטשעס האַרץ, עפּעס דאָרטן פאַרקלעמט, און טרויעריק זיך צעוויינט — האָט ער זיך אָבער געשטאַרקט, זיך אויפגעהויבן, אַ טיפן זיפץ געטאָן. ווי זיין געוואוינהייט איז געווען, האָט ער דעם שטול פון שוועל אַוועקגערוקט. אונטערן צאָל־טיש זיך געשטעלט, ערוואַרטנדיק זיינע באַזוכער. זעענדן די פינף פאַרשוין צוגעפאָרן, און אין קראָם אַריין. האָט זיי אייב הערשקאָוויטש באַגעגנט מיט זיין שטענדיק־העפלאַכן שמייכל:

— מיינע הערן, וואָס קאָן איך טאָן פאַר אייך?

פאָטער ווינסענט האָט זיך אָפּגעווישט זיין פאַרשוויצטן שטערן; זיין רויט, שעמעוודיק געזיכט איז נאָך רויטער גע־וואָרן, און עפּעס אַ פאַלשער, געמאַכטער טאָן פון ווייכקייט און מילדקייט האָט געשלאָגן פון זיינע שטילע, געצויגענע ווערטער:

— אייב הערשקאָוויטש, מיר קומען אַהער מיט דעם ווילן און צוטרויען פון די אַרומיקע איינוואוינער. קיינער האָט צו דיר גאָרניט. ביזט אַן ערלאַכער, גוטער מענש... דאָך ווילן זיי ניט, אַז אַן אומגערעכטע, ניט פּאַסיקע זאַך זאָל פּאַרקומען דאָ אין זייערע גרענעצן. די מעקסיקאַנער פרוי — די אַלמאָנע פון באָב וויליאַמס — טאָר ווייטער ניט בלייבן אונטער דיין דאַך, סיידן דו וועסט זי זיך נעמען פאַר אַ ווייב, אַזוי ווי גאָט און די הייליקע האָבן אָנגעזאָגט. פאַרשטייסט דאָך, אַזוי פירט מען זיך ניט. איך וויים, דו ביזט אַן ערלאַכער מענש, נאָר דאָס דערמאָנט און רייצט אויף אין אַנדערע עפּעס, וואָס איז זינדיק און אומערלאַך.

אייב הערשקאָוויטש האָט אויפגעמונטערט זיין רואיקייט אין זיך. געשטאַרקט זיך, דער שמייכל אויף זיינע ליפּן זאָל אים ניט פאַרלאָזן. און מיט זיכערע, געמיטלאַכע ווערטער דעם פאָטער ווינסענט און די אַנדערע געפּרואווט ערקלערן: אַז — עמעס, ער פילט זיך ניט אַנדערש פון די, וואָס וואוינען דאָ אַרום אים, ער האָט זיך קיינמאָל ניט געפילט פרעמד צווישן זיי. נאָר ער טאָר זיך ניט פאַראייניקן. נעמען פאַר אַ ווייב קיינעם, אַ כוץ אַ טאָכטער פון זיין אייגענעם שטאַם. אַזוי זאָגט אָן דער גלויבן פון זיינע עלטערן, און מ׳דאַרף דאָס האַלטן הייליק.

סטיוו דוירק — וואָס האָט די גאַנצע צייט, ווי אַ ווילדער הונט פון אַ קייט זיך געריסן — האָט ניט אויסגעהאַלטן און אַרויסגעפּלאַצט:

— און שלאָפן ניט־געזעצלאַך מיט איינער, וואָס איז ניט פון דיינע, דאָס מעגסטו ?...

האָט הערשקאָוויטש בלויז אַריבערגעקייט זיין קאַלטן סיגאַר צו דעם צווייטן ווינקל פון מויל, צוגערוקט זיין רעכטע האַנט נענטער צום שופלאַד פון דעם צאָל־טיש, וואו זיין רעוואָלווער ליגט, און מיט פייערלאַך פון איינגעצאַמטער סינע, האָבן זיינע אויגן בלויז אַ בליץ געטאָן אויף סטיוון:

— סטיוו דוירק, דו רעדסט ווי א טכויר! נאָך איין וואָרט פון דיר וועגן דער אומערלאַכקייט פון מיין הויז — און —

הערשקאָוויטש האָט דערפילט, אַז אַזוינע ווערטער מוזן בלייבן ניט פאַרענדיגט, בעסער זיי לאָזן הענגען אין דער לופטן. זייער ציל האָבן זיי דערגרייכט. און ער האָט זיך צוריק צום פּאַטער ווינסענט געווענדט:

— ווייטער, פּאַטער, טוט ווי איר פאַרשטייט. דער ווילן איז אייערער. אַניטאַ וויליאַמס טאָר דאָס הויז ניט פאַרלאָזן. דערצו האָט זי ניט וואוהין צו גיין. דאָס זיינען מיינע לעצטע ווערטער — טוט ווי איר פאַרשטייט...

און אַניטאַ איז געוואָרן די ווייב פון דעם שטילן, צע־ווייטאָקטן אייב הערשקאָוויטש.

מיט צוויי יאָר שפּעטער, ווען אַ ניי־געבוירן לעבן האָט געשריען און זיך געריסן פון אַניטאַס לייב — האָט דער פאַר־ווינטער אומעט ווידער אויפגעוואַכט אין אייב הערשקאָוויטשעס ברוסט, זיך ווידער צעוויינט אין אים. עפּעס אומקלאָר און נעפּל־דיק איז אים אַ נאָמען „בנימין" אַרויפגעשוואומען אין זינען. און, בען הערשקאָוויטש, דער זון פון אייב הערשקאָוויטש, האָט אָנגעהויבן וואַקסן אונטער דעם קלאָרן, דורכזיכטיקן הימל פון „באָמבל־בי".

* * *

אָט אַזוי: וואוינט זיך איצטער בען הערשקאָוויטש, דער זון פון אייב הערשקאָוויטש, אין אָט דעם ווייטן, פאַרוואָרפענעם טאָל, אין דעם שטילן, ניט־זשומענדיקן „באָמבל־בי". דאָ האָט דער אייביקער שלאָף פאַרווינגט די לעבנס פון זיינע עלטערן. ניט געוואָלט האָט ער אַליין אויף דער וועלט דאָ בלייבן. האָט ער אַ ברוין־הויטיקע ווייב זיך גענומען, ווייל נאָענט איז אים געווען דאָס לייב און בלוט פון זיין מוטער אַניטאַ. ער גע־דענקט, ווי בלאַס און קרענקלאַך עס זיינען געווען אירע יאָרן. און ווען זיין האַלבע שוועסטער ראָבערטאַ האָט זיך ערגעץ אין אַ ווייטער שטאָט אוועקגעלאָזט, דאָרטן זיך פאַרלוירן, און מען

האָט פון איר קיינמאָל מער ניט געהערט, האָט זיין מאַמע אָנ־געהויבן צו טריקענען, צו דאַרן, און פּריצייטיק האָט זיך איר לעבן איבערגעבראָכן.

אויך זיין טאַטע, אייב הערשקאָוויטש, איז אין זיינע לעצטע יאָרן געווען אַזאַ שטילער, אַזאַ שאַטנדיקער. אַ טיפער, פייג־לאַכער אומעט האָט שטענדיק אַרויסגעקוקט פון זיינע אויגן. און איינמאָל האָט ער זיין זון בען צוגערופן און אים אָנגעזאָגט, אַז ווען ער וועט שטאַרבן, זאָל ער זיין קערפּער אין דער הויפּט־שטאָט אַריינפירן, אויפזוכן די און די מענטשן — און יענע וועלן שוין וויסן וואָס ווייטער צו טאָן.

האָט בען הערשקאָוויטש דערפילט, אַז אַט יענע מענטשן האָבן עפּעס אַ שייכעס צו זיין טאַטן. ערגעצוואו ציען זיך אומ־זעבאַרע פעדים און בינדן זיי צוזאַמען. זיינען אַט די מענטשן אויך אים נאָענט געוואָרן. האָט ער אויפגעהערט צו באַשטעלן סכוירע פון די ווייטע שטעט, און צווישן אַט די ווייט־נאָענטע, איינמאָל אין כוידעש געדרייט זיך. ווייל ליב איז אים אויך גע־ווען דאָס בלוט פון זיין פאָטער אין זיינע אָדערן.

לעבט זיך בען הערשקאָוויטש אַ שטילער, אַ פאַרטראַכטער. דער אומעט וואָס האָט אַמאָל געוואַכט אין זיין טאַטן, האָט זיך אויף אים געלייגט. דער אייביקער שלאָף האָט אַט דעם אומעט ניט פאַרשלעפּערט, ניט צוגענומען מיט זיך. שטום, שווייגנדיק, נאָר טיף אין זיך, ווייסט ער אַלץ, פאַרשטייט אַלץ...

און געזעסן האָט ער זיך שטענדיק אין אַ טיפן טאָל, צווישן צוויי הויכע בערג. ביידע זיינען אים ליב, נאָר ווי קאָן ער קלעטערן אויף ביידע אין דער זעלבער צייט? און ווי אַזוי קאָן ער זיי צוזאַמענרוקן? האָט אַ פיינפולער טרויער זיך איינ־געקלאַמערט אָן אים, און געפילט האָט בען הערשקאָוויטש, אַז ער איז ניט מער ווי אַ צופאַל דאָ אויף דער ערד — אַ צופאַל, וואָס זיין טאַטע האָט ניט־ווילנדיק פאַרפלאָנצט. און ער אַליין — ניט האָבנדיק קיין זון און קיין טאָכטער דאָ אויף דער ערד — וועט זיין דער אָנפאַנג פון עפּעס אַ ווילדן קאַפּריז, דער ער־שטער פון אַ בלינדן, נאַרישן צופאַל. דער ערשטער, און — דער לעצטער.

עסייען

די פאָלגענדיקע קליינע עסייען האָט ראובן לודוויג געשריבן פאַר'ן צווייטן גאַנג „אין זיך“ (1923). די אינערלאַכע באַשיידנקייט האָט אים געשטערט פאָרטצוזעצן אָט דעם זשאַנר. דער עכטער דיכטער און ליריקער זעט זיך בוילעט אַרוים אויך אין די דאָזיקע שורעס. עס איז געווים אַ שאָד, וואָס לודוויג האָט ניט געשריבן מער עסייען.

PREFACE

פאַר וועמען? פאַר וועמען?

פון דעם אַלטן ניי־אַמסטערדאַם ביז דער שטאָט פון דעם הייליקן פראַנציסקוס, פון וויסקאָנסין ביז ניי־אָרלעאַנס — שפּרייט זיך די וויסטע פון אונזער פּראָווינץ.

וואַלגערט זיך דאָרטן, פליישׁ פון אונזער פליישׁ, ביין פון אונזער ביין, מיט אויפגעפּרעסענע הערצער, מיט אויסגעלאָשענע, גלייכגילטיקע אויגן.

קעלט, נאַכטיק־קאַלטע מידבאָר־לופט, ווייעט פון דאָרטן אויף אונז.

ביי די ברעגן פונם האָדסאָן האָבן זיך אונזערע איינצלנע פאַרקליבן.

געבראַזג פון שטאָל און אייזן האָט זייערע אויערן באַטויבט.

דרייען זיי זיך אום מיט שפּאָט אויף זייערע ליפּן.

זייער שפּאָט צו אונז.

פאַר וועמען?

עפּשער, פאַר זיי אונזערע פאַר ווערטער?

האָבן מיר כאָטש צווישן זיי אַ ציל־ברעט דערזען, וואוהין מיר מוזן פאַרסאַמטע פיילן שיקן — און אימיצן באַזיגן?

פּולסירט דען אין אונז זינדיק בלוט, און מיר דאַרפן זיך מיסוואַדע זיין און פאַרגעבונג בעטן?

זיינען מיר פאַרמישפּעטע, אָנגעקלאָגטע, און מיר ווילן דורך קלוגע, גערעכטע רייד, זיך ריין וואַשן?

זיינען מיר אַזוי גלויביק, אַז אויב מיר וועלן פאַר זיי אונזער דילעמע אויפבינדן וועט אונזער דערלייזער קומען?

צי מיר שמירן זיך אין שעמען־זאַיס פון אַלטרואיזם, און מיר סערווירן זיי אונזערע אומשולדיקע, מעגלאַך ווידערשפּרעכנ־דיקע פאָרמולעס — באַשאַפענע פון אונזער בלויזער אינטואיציע

— אום זיי צו ראַטעווען פון מעדוזאַס בליקן ?

ניין, ניט מיר דאַרפן זיין פאַר זיי סינטעטישע פּאַיאַצן.

און ניט מיר דאַרפן מאַכן אַנאַליטישע פּירועטן.

פאַר זיי, פאַר וועמען מען דאַרף נאָך די איינפאַכסטע אַלע־גאָריע אויסטייטשן, — איז דאָס בעסטע צו זיין לאַקאָניש.

אויב ניט אינגאַנצן שווייגן.

אָט אזוי:

— די אַלטע עקספּרעסיעס זיינען אימער דאָ מיט אונז.

און עס זיינען אימער דאָ אַנדערע —

און מיר זיינען די אַנדערע.

מיר, צופעליקע, עקזאָטישע.

מיר זענען ניט די דיכטער פון אַ רענעסאַנס.

מיר זענען ניט די אָנזאָגער פון אַ קולטורעלער גראַדאַציע.

מיר שפּייען ניט מיט פייער פון נעגאַציע, פון אָפּלייקענונג קעגן אַנדערע —

מיר זענען אונזערע עגאָ־קרעאַטאָרס.

מיר זענען דער אָנפאַנג פון זיך אַליין.

מיר זענען די דיכטער פון כאַאָס.

זענען מיר ניט, וועלן מיר ווערן די דיכטער פון כאַאָס.

ניט דער כאַאָס פון בלינדער, זינלאָזער אַנאַרכיע. נאָר דער כאַאָס וואָס איז אין כאַלעל, אין דער ליידיגקייט פון אַלע אָנפאַנגען.

וואָרים, ווי אזוי איז דער אָנפאַנג פון אַלע אָנפאַנגען ?

פינסטערניש, וואולקאַנישע אויפרייסונגען, דאַמף, נעבלען — נעבלען, טויהו־וואַוואויהו, כאַאָס.

אָבער ניט ווי ביי זיי: — אין אָנפאַנג איז געווען דאָס וואָרט.

ביי זיי איז דאָס וואָרט אַלעס.

ביי אונז — אַלעס און גאָרנישט.

צופעליקע סימעטריע, וואַריעטעט, אומגעלומפּערטע גראָ־טעסקן, פאָרם — פילן אַן די לײדיקײט פון אַלע אָנפאַנגען.

און פאָרם —

דאָס איז ניט נאָר אַ גלאַטער, פיר און צוואַנציק־זייטיקער, פון שטיין אויסגעהאַקטער טעטראַהעקסאַהעדראָן.

דאָס איז דער הויכער, באַוואַלדטער, הויל־קעפּיקער באַרג באַלדי.

דאָס איז אַ טויטע, איינגעקאַרטשעטע, עקלהאַפטע האָריקע טאַראַנטולע־שפּין.

יעדע קאָנצעפּציע, יעדעס געפיל, שיינט אויף אין אונזער קינסטלערישן פּסיכישן לאַבירינט אין אַ גרונט־עלעמענטאַרער נעבלדיקער פאָרם. — וואָס גרעסער דער קינסטלער, מער טריי בלייבט ער אין זיינע עקספּרעסיעס צו דער פאָרם פון דער קאָנצעפּציע, מער קלעפּן זיך זיינע ווערטער צו דער פאָרם — איידער די פאָרם צו די ווערטער.

פאָרם —

דאָס איז דאָס ריטמישע שאַרן מיט די פיס, דאָס שטילע, קעמאַט שטומע ליד פון דעם פימאַ־אינדיאַנער.

דאָס איז דער פאַשעטער כאַלעם פון דעם כינעזישן פאַ־טשי־אַי וועגן הסוען־יו טעמפּל.

דאָס איז דאָס קורצע, אילוזיאָנישע יאַפּאַנישע האָקו־ליד.

דאָס זיינען די דינאַמישע, ברייט־דעמאָקראַטישע, ווי דאָס וואָיען פון דעם ווינט, ריטמיש פרייע פערזן פון וואַלט וויטמאַן.

דאָס זיינען : —

Romances Sans Paroles

ראָמאַנסן אָן ווערטער.

דאָס איז די אָראַטאָרישע, גראָב־מענלאַכע און אָפט קינ־דעריש־ווייכע שטים פון סאַנדבורגן.

דאָס איז אונזער בידנער, גרויער, מאַי־קאָ־מאַשמע־לאָן.

דאָס זיינען מיר, מיט אונזער אידיש־אַקצענטירטן אויס־געשריי : „אַ אמבאַסאַדאָרע!“ —

דאָס איז דער קאַדענץ פון אונזערע ווילדע, פאַר זיי גאַרנישט זאַגנדיקע פערזן.

דאָס איז אונזער „מאַיסע פון די הונדערט".

פאָרם:

דאָס איז דער גײַעג פון אונזערע געדאַנקען זיך צו באַ־העפטן מיט דער אייביקייט.

מיר זאָלן ניט פאַרגעננגלאַד ווערן ווי אונזערע טעג.

פאַרם, דאָס איז אַלעס, אָבער ניט ווי בײַ זיי, פוסטער אָרנאַמענט.

בײַ זיי איז אין אָנפאַנג געווען דאָס וואָרט.

זיי וועלן אונז ניט פאַרשטיין.

צו וואָס דערקלערונג? פאַר וועמען? —

זאָלן מיר בלויז אויסשרייען.

הויך פאַרשייט און וואויל־אינגלעריש אויסרופן:

On with the dance!

זאָל דאָס סובטילע ווי א באַנאַלער ניט־אויפריכטיקער זשעסט קלינגען.

.... On with the dance!

מיט דעם כאַאָטיש ווילדן טאַנץ —

מיר די דיכטער פון כאַאָס.

אַפּאָלאָגיע.

אַזוי איז געווען און אַזוי וועט זיין.

אויך די געשיכטע פון מיטאָלאָגישע סימבאָלן ווידערהאַלט זיך.

יעדער דאָר האָט זיין פּעגאַס־פליענדיקן בעלעראָפאָן.

און יעדער דאָר זיין דראַהענדן דראַקאָן.

— און ווער קאָן זאָגן, היינט, צי עס וויינען ניט די מוזן אויפן הויכן פּאַרנאַס?

און עס קלאָגט ניט אַפּאָלאָן, דער זון פון צעאוס, און לעטאַ —

אַז פון די ניין מוזען אויפן פּאַרנאַס — זיינען אַכט בלויז געבליבן.

די צאַרטע עראַטאַ, די לירישע געטין האָט איר לירע פאַר־לאָזן.

בעלעראָפאָנס אָרט ביים צוים פון פּעגאַסן פאַרנומען — און צו אונז, דעם פאַרשאָלטענעם פאַבל־דאָר אַראָפּגעניִדערט — אונז צו ראַטעווען פון דער דריי קעפּיקער רעטאָריק־אַטעמדיקער כימערע, וואָס יאָגט אונזער בלוט פון קאַלטער גלייכגילטיקייט צו זעלבסט־פאַרניכטונג.

טרויער פעב, וואַרף אַראָפּ דעם פרישן גרינעם בלעטער־קראַנץ פון דיין קאָפּ, דעם פּורפּורנעם צודעק פון דיין לייב.

זאָל די זון אויך היינט זיך ניט באַווייזן, ווי אין דעם טאָג ווען פאַעטאָן, דיין זון, איז פון דיין פייערדיקן רייטוואָגן אַרויסגעפאַלן, און צו די פיס פון די ערד־נימפן, טויט געפאַלן.

קלאָג אַפּאָלאָן, און פאַרגיב, פאַרגיב עראַטאָן, ווייל זי האָט די הייליקייט פון איר ליבע געוואָרפן צו פאַרשוועכונג.

זינגט אייערע לאַמענטן, מוזען אויפֿן פּאַרנאַס.
די אָרימע עראַטאָ, וואָס איז פֿריער אויף פּעגאַסן אין די הימלען געפֿלויגן —
וועט צוליב אונזער פֿאַרשאָלטענעם דאָר, צוזאַמען מיט אונז אין די פֿייער צונגען פֿון אונזער ערדישע כימערע פֿאַר־ברענט ווערן.
און די איבערגעבליבענע רעשטלאַך פֿון אונז?
און דער דאָר נאָך אונז?
וועלן מיר אין שטילער אַגאָניע, אונזערע רעקוויעמס זינגען?
וועלן מיר בלויז מיט אונזער פֿאַרסאַמטן בלוט אויף די שטיינער פֿון עראַטאָס קייווער זיך שפּילן?
און אין בלייכן שריפֿט אויף יעדן שטיינדל פֿאַרצייכענען
דאָס שפּריכוואָרט, וואָס פֿאַרלאָזט ניט אונזערע ליפּן —
דעם אויפֿשריפֿט. וואָס וועט שוין אייביק פֿלאַטערן מיט אונזער באַגער:

Vanitas! Vanitatum Vanitas!

סקעפּטיציזם

די נייגונג צו דעפינירן טערמינען איז אָפט אַ קאַפּריז, אָבער מערסטנס, אַ טראַדיציאָנעלע מעשוגאַס.

טראַדיציאָנעל — ווייל ס'איז אין אונזער בלוט, מיר קאָנען דאָס ניט אויסוואָרצלען פון אונזערע אָדערן.

מיר ווייסן :

ס'זיינען פאַראַן איינצלנע אויסדערוויילטע טערמינען, וואָס ווארפן זייערע רעפלעקסן אין אונזער באַוואוסטזיין בלויז היסטאָריש און פילאָלאָגיש.

ווייטער זיינען זיי אונז פרעמד, ווי עקזאָטישע אידיאָמען וואָס לאָזן זיך ניט איינשליסן אין קיינע דעדוקטיווע סילאָגיזמען. און קאָלירלאָז, אָפט פאַררעטעריש איז פאַר זיי יעדע עטישע אָדער עסטעטישע מעטאַפאָרע.

און וויפיל ווידערשפּרעכנדע טעאָריעס, וויפיל אומשולדיקע, אַבסטראַקטע היפּאָטעזן, מען האָט ניט אויפגעבערגלט קעדיי זיי צו פאַרטייטשן —

בלייבן זיי אַלץ פאַר אונז, אַזוי פאַרשטענדלאָך אומקלאָר, נאָענט און דאָך פרעמד. אַלט און דאָך ניי, און ציען אונז אין אָפּגרונטן פון זעלבסט־נאַרעריי מיט אַ פאַרפירערישן לאָרעליי געזאַנג.

און אָ, דו איינער, פון די אויסדערוויילטע געבענטשטע אייביק מיסטישע אידיאָמען !

פון די טעג פון אַריסטאָטעל, ביז דעם לעצטן אויפריכטיקן רעטראָספּעקט פון די אַינטראָספּעקטיוויסטן —

האָבן לאָגיש־רעזאָנירנדע טיף פילנדע האָמאָ־סאַפּיענס געזוכט דיין מיין צו דערגרונטעווען.

און אבסטראַקציע נאָך אבסטראַקציע, אַנאַלאָגיעס וועגן פאָרם קאָנסטרוקציע, אָפּהאַנדלונגען וועגן טעכניק, רעטאָריק וועגן קינסטלערישער מעטאָדיק — זענען די רעזולטאַטן.

און וואָס איינער האָט אינטערפּרעטירט : אַלס — די קונסט פון א שיינעם ליגן —

איז ביי א צווייטן:

די קאָנקרעטע קינסטלערישע עקספּרעסיע פון דעם מענטש־לאַכן פאַרשטאַנד, אין אַן עמאָציאָנעלער, ריטמישער שפּראַך —

און ביי א דריטן:

דער פאַרזוך, וואו דער מענטש פּרוּווט איבערצוגעבן זיין לעבן, האַרמאָניש.

און אזוי א פערטער.

און א פינפטער.

עמעס, נאָר די סקעפּטישע צווישן די קלוגע לייט, האָבן שטילערהייט ביי די היימלאָכע פייערן פון דעם מיסטישן אידיאָם זיך געוואָרימט און א פאַרטיקער, באַנאַלער, אייביק עמעסדיקער ענטפער, האָט אויף זייערע ליפּן געשמייכלט —

— מיר וועלן דעם טערמין, פילן, פאַרשטיין, באַנעמען. אָבער קיינמאָל, קיינמאָל ניט דעפינירן.